# עטישע פּראָבלעמען ביי אידן אין דער נאַצי-עפּאָכע

ד"ר. בנימין אָרענשטיין

אידישער קולטור-קלוב

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1964

Ethical Problems of the Jews in the Nazi epoch

by Dr. BENJAMIN ORENSTEIN

## וועגן דער אויסגאַבע

דער טעקסט איז איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף היינטיגע היימישע אידיש. דער מחבר'ס אינהאַלט, געדאַנקען-גאַנג און סטיל זענען פּרעזערווירט געוואָרן. די היסטאָרישע באַמערקונגען, מקורות און ביבליאָגראַפיע זענען טייל פונעם מקור.

## רעדאַקציע-באַמערקונגען

די ציפערן פון די מקורות און פון דער מחבר'ס ביבליאָגראַפיע זענען פּרעזערווירט געוואָרן ווי אינעם מקור. אינעם געדרוקטן טעקסט גייט דער פאַרוויז פון 52 גלייך צו 54. מקור 53 איז יאָ אויסגערעכנט געוואָרן אין דער מקורות-ליסטע, אָבער זיין פאַרוויז פעלט אינעם גוף פונעם מקור. עס איז נישט צוגעגעבן געוואָרן קיין אויסגעטראַכטער פאַרוויז.

אין דער מחבר'ס ביבליאָגראַפיע זענען אויך פאַראַן געדרוקטע נומערירונגס- און דאַטע-אומגלייכקייטן: 58 און 61 האָבן דאַטעס וואָס שטימען נישט מיט די יאָר-אונטערקעפּלעך; 82 קומט צוויי מאָל און 83 פעלט; ביי 125 שטייט 1945 אינעם אָפּטייל פון 1954. אויך די ציפערן 169 און 111 אינעם אָפּטייל פון 1960, 152 אינעם אָפּטייל פון 1964, און 373, 2778 און 2779 ביים סוף זענען אַזוי געדרוקט געוואָרן אינעם מקור. זיי זענען נישט שטילערהייט פאַרראַכטן געוואָרן.

ביי צוויי ביבליאָגראַפישע איינטראָגן (254 און 255) איז דאָס לעצטע וואָרט נישט זיכער צו לייענען. די לייענונג איז אָנגעצייכנט געוואָרן אינעם טעקסט.

# אינהאלט


עטישע פראבלעמען ביי אידן אין דער נאצי-עפאכע

אריינפיר

וואס איז עטיק?

דער באגריף געטא אין דער נאצי-עפאכע

דעפיניציע פונעם באגריף געטא אין דער נאצי-עפאכע

פארמען פון אומקום

די גייסטיגע איבערגעשטאלטונג און די פיזישע איבעראריענטירונג

וואס איז קדושה?

פארמען פון קדושה

אנאליז פון די פארמען פון קדושה

רעליגיעזע קדושה

נאציאנאלע קדושה - א. פאסיווע פארם

נאציאנאלע קדושה - ב. אקטיווע פארם

נאציאנאלע קדושה - ג. סופערלאטיווע פארם

מעטאפיזישע קדושה

אוניווערסאלע קדושה

קאלאבאראטארן מיט דער נאצי-מאכט

משומדים

אלגעמיינע אויספירונגען

ביבליאגראפיע פון די פארעפנטליכטע ארבעטן פון דר. בנימין ארענשטיין

מאטעריאל-קוועלער

# עטישע פּראָבלעמען ביי אידן אין דער נאַצי-עפּאָכע

## אַריינפיר

די אויפגאַבע פון דער דאָזיגער אַרבעט איז צו באַטראַכטן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם די עטישע פּראָבלעמען ביי אידן אין דער נאַצי-עפּאָכע, דאָס הייסט, אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

ביים באַטראַכטן דעם קאָמפּלעקס פון עטישע פּראָבלעמען שטעלן זיך, צום ערשט, די פאָלגנדע פראַגעס: צי האָט דאָס אייראָפּעאישע אידנטום געהאַט גענוג גייסטיגע רעזערוון צו באַקעמפן און זיך אַנטקעגנשטעלן די דעמאָראַליזירנדע איינפלוסן, וואָס האָבן ווי אַ שטורעם-ווינט געווייט פון נאַצי-דייטשלאַנד און באַהערשט מיליאָנען מוחות פון די אייראָפּעאישע פעלקער?

צי האָט דאָס אידישע פאָלק נישט פאַרלוירן זיין עטישע טראַדיציע אין קאַמף קעגן די שעדליכע ווירקונגען פון דער פאַרסמטער אַטמאָספערע, וואָס האָט צעשטערט אַלע יסודות פון עטיק און מאָראַל?

ווי אַזוי האָט דאָס אידנטום אָפּגעלעבט דעם היסטאָרישן עקזאַמען פון עטישער קאָנסעקווענטקייט אין קאַמף קעגן אַ שונא, וואָס איז פון טעכנישן שטאַנדפּונקט געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג אינעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, און צו דער זעלביגער צייט איז עטיש געשטאַנען נידריגער ווי די וואַנדערנדיגע שבטים פון די פאַרהיסטאָרישע צייטן? וואָס העכער די דייטשישע טעכניק איז געוואַקסן, אַלץ נידריגער זענען געזונקען די עטיק און מאָראַל.

דאָס אידישע פאָלק, דער עם-הספר, איז פון קדמונים אָן געווען צוגעוואוינט צו פּלפּולים און חקירות. דעריבער איז די פראַגע: ווי אַזוי האָבן אידן פון פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אַנשויאונגען, הגם פּאָליטישע און אידעאישע קעגנער, רעאַגירט אין דער עפּאָכע פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע?

די נאַצי-מאַכט האָט איזאָלירט די אידן פון דער דרויסנדיגער וועלט דורך שאַפן געטאָס, וואָס קענען נישט פאַרגליכן ווערן צו די מיטלאַלטערליכע געטאָ-פאָרמען. דעריבער איז די פראַגע: וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטערן באַגריף געטאָ אין דער נאַצי-עפּאָכע?

אויסער די בארירטע פּראָבלעמען קומט אין באַטראַכט דער קדושה-מאָמענט פון זיך מקריב זיין פאַרן כבוד פון דער אידישער אמונה און דעם אידישן פאָלק.

אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, אין דער נאַצי-עפּאָכע, זענען דערשינען ריזיגע גייסטיגע און פיזישע העלדן, וואָס האָבן אָפּגעלעגט אַ היסטאָרישן

עקזאמען פון אידישער עטיק, באזיגנדיג די גייסטיגע אינפעקציע פון בארבארישער דעמאראליזאציע.

אויפן מזבח פון אידישער עטיק האבן זעקס מיליאן אידן אין אייראפע פארהייליגט זייער אנדענק אין רעליגיעזער, נאציאנאלער, מעטאפיזישער און אוניווערסאלער קדושה.

אין קעגנזאץ צו די גייסטיגע און פיזישע קדושים זענען אויך געווען אזעלכע, וואס האבן נישט אויסגעהאלטן דעם היסטארישן עקזאמען. זיי זענען באאיינפלוסט געווארן פון דער דעמאראליזירנדע גייסטיגע אינפעקציע. דאס זענען געווען אזעלכע, וואס האבן איבערגעריסן די גייסטיגע עטישע פעדעם פונעם אידישן פאלק און זענען, אין פסיכאלאגישן זין, באהערשט געווארן פון אומווילקורליכער פאסיווער אויפמערקזאמקייט. דאס איז געווען דער אפפאל פונעם אידישן פאלק, וואס איז באשטאנען, אין א גרעסערער צאל, פון משומדים.

די ארבעט באציט זיך, צום ערשט, צו די פאזיטיווע דערשיינונגען פונעם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער נאצי-עפאכע.

דער מחבר

## וואס איז עטיק?

דער אויסדרוק עטיק שטאמט פון גריכיש און באדייט: אייגנשאפט, כאראקטער.

עטיק איז א וויסנשאפטס-לערע וואס באפאסט זיך מיט די פראבלעמען פון דער קעגנזייטיגער באציאונג צווישן אוניווערס און מענטש.

עטיק איז פארבונדן מיטן באגריף מאראל. דער אויסדרוק מאראל שטאמט פון לאטיין און באדייט: א וויסנשאפטס-לערע וואס פארנעמט זיך מיט די פראבלעמען פון דער קעגנזייטיגער באציאונג צווישן דער געזעלשאפט און דעם יחיד, און דער אינדיווידועלער באציאונג פון יחיד צו יחיד.

דר. שמחה פיעטרושקא דערקלערט: "דאס ווארט עטיק נעמט ארום די לערע וועגן דער אויפפירונג פון מענטשן, די גוטע מידות. די אויסבילדונג פונעם כאראקטער האט נישט אין דער העברעאישער שפראך זיין ריכטיגע איבערזעצונג. געווענליך באצייכנט מען עס מיטן טערמין 'מוסר'. אחד-העם באצייכנט דעם טערמין 'מוסר היהדות' אלס באצייכענונג פאר עטיק פון אידנטום. מוסר לויט די רעליגיעזע ספרים באדייט די אויפפירונג פון איד, 'בין אדם למקום' (צווישן מענטש און גאט) און סיי בין אדם לחברו. די מאדערנע פילאזאפיע נעמט אריין אין עטיק אויך די באציאונג פון מענטש צו זיך אליין."[1]

דאס עטיש-מאראלישע לעבן איז אפהענגיג פון דער סביבה, גייסטיגער אטמאספערע, ווירטשאפטליכער סטרוקטור און אפילו אויך פון געאגראפישע באדינגונגען. דר. י. העלער דערקלערט אין זיין שטודיע "אידישער לעבנסשטייגער": "אין דעם קליינעם אוקראינישן, פוילישן, גאליצישן אדער ליטווישן שטעטל, וואו אידן האבן געבילדעט די גרעסטע מערהייט פון דער גאנצער באפעלקערונג, האט דער אידישער טראדיציאנעלער שטייגער דומינירט נישט בלויז אין דער אידישער עדה. ער האט אויך אין א גרויסער מאס באשטימט דעם ריטם פון לעבן פאר דער איבעריגער באפעלקערונג. שבת איז געווען א רו-טאג פארן גאנצן שטעטל. א אידישער יום טוב האט זיך געפילט ביי דער גאנצער באפעלקערונג. ביי דעם איינצעלנעם איד האט אפילו נישט געקענט אויפקומען א געדאנק זיך נישט צו האלטן מיט אלעמען צוזאמען שבת, יום כיפור אדער פסח."[2]

די אידישע עטיק שטיצט זיך אויף פינף הויפט-יסודות:

א. ביבלישע,

ב. אפאקריפישע,

ג. רבנישע,

ד. פילאזאפישע, און

ה. מאדערנע.[3]

די ביבלישע עטיק באזירט זיך אויף די געזעצן און פארבאטן פון תנ"ך.

די אפאקריפישע - אויף די עטישע אידעען פון זוהר.

די רבנישע - עטישע סענטענצן פון מפרשים, מגידים און מוסר-זאגער.

די פילאזאפישע - די קעגנזייטיגע באציאונג פונעם אוניווערס צום מענטש.

די מאדערנע - די באציאונג פון מענטש צו זיך אליין.

אן ענליכן געדאנק געפינט מען ביי ברוך שפינאזא אין זיין ווערק "די עטיק", נעמליך: "זיך אליין קען דער מענטש טרעפן נאר דורך אויסוויינינגסטע אורזאכן; אויך נאר אזוי ווייט ווי ער איז א טייל פון דער אוניווערסאלער נאטור, וואס אירע געזעצן איז די מענטשליכע נאטור געצוואונגען צו פאלגן, און זיך צו זיי צופאסן אויף כמעט אומענדליכע אופנים."[4]

די אידישע עטיק אין דער נאצי-עפאכע האט זיך מיט איבערנאטירליכע כוחות אנטקעגנגעשטעלט די אויסערליכע איינפלוסן, וואס האבן גייסטיג דעמאראליזירט גאנצע גרופעס פון פארשידענע אייראפעאישע פעלקער. זי האט אויך באקעמפט די נאטור-געזעצן, וועלכע ברוך שפינאזא האלט אז די מענטשליכע נאטור איז געצוואונגען צו פאלגן, און זיך צו זיי צופאסן אויף כמעט אומענדליכע אופנים.

אלס ביישפּיל קען דינען די פאלגנדע עפּיזאד. אין אן אַרטיקל אונטערן מערקווירדיגן טיטל: "א פארטיזאן, אליהו הנביא אדער א למד-וואוו'ניק?", ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פונעם 68-יאריגן ווארשאווער חזן-שוחט ר' הערש קאנאפקין. אין דעם אַרטיקל ווערט דערציילט אז ר' הערש קאנאפקין איז אין דער נאצי-עפּאכע געווען אין א אידישן פארטיזאנער אטריאד פון קאמענדאנט טוביה ביעלסקי. נישט געקוקט אויף די נאטור-דערשיינונגען אין ווינטער: גרויסע קעלטן, פרעסט, שנייען, דערצו הונגער און דורשט, און די געפאר יעדע מינוט פון בלוטיגע שחיטות, האט דער אלטער חזן-שוחט באַקעמפט אלע די דערשיינונגען. אין דעם אַרטיקל ווערט דערקלערט: "אין וואלד האט דער אלטער חזן-שוחט הערש קאנאפקין געמאכט א הייל (זעמליאנקע) פאר א שול צום דאווענען, געשעכט פלייש אויף כשר, אויף פסח געבאקן מצות, מסדר געווען חופה וקידושין, און ווען עס איז געבוירן געווארן א יונגעלע, האט ער דורכגעפירט די ברית מילה. וויפיל גייסטיגע, מאראלישע און עטישע כוחות האט דער אלטער חזן-שוחט באוויזן אז ער זאל אויך אויף איין מינוט נישט פארלירן דעם בטחון און אמונה? וויפיל נסיונות האט ער געהאט איבערצושטיין? דער וואלד איז פיל מאל באמבארדירט געווארן פון דער לופט. זייער אפט זענען פארגעקומען גרויסע מאססטאב-קאמפן מיט די נאצי-דייטשן. עס זענען אויך פארגעקומען פארביטערטע האנט-צו-האנט קאמפן מיט מיליטערישע דייטשע אפטיילונגען, וואס זענען צוריקגעשטויסן געווארן פון די פראנטן. פיל מאל זענען אויך געווען פארלוסטן ביי די אידישע פארטיזאנער, וואס האבן פארלוירן זייער לעבן אין פרייהייטס-קאמף. נישט געקוקט דערויף האט דער אלטער הערש קאנאפקין קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אז די נאצי-מאכט, וואס באזירט זיך אויף רשעות, אכזריות, רויב און מארד, מוז פאלן."[5]

פּעטער קראפּאטקין דערקלערט אין זיין וויסנשאפטליכן ווערק "די עטיק", אינעם קאפּיטל "דער מאראלישער פרינציפּ פון דער נאטור": "א מענטש וואס האט נאכגעגעבן זיין געפיל פון זעלבסט-ערהאלטונג און נישט ריזיקירט מיט זיין לעבן כדי צו ראטעווען דאס לעבן פון אן אנדערן מענטש, אדער האט עפּעס צוגעכאפּט ווען דער הונגער האט אים אנגערירט, האט אין דיביידע פאלן נאכגעפאלגט א גאנץ נאטירליכן אינסטינקט."[6]

ווען מען נעמט פּעטער קראפּאטקין'ס געדאנק אלס באזיס פאר באטראכטונגען, מוז מען קומען צום אויספיר אז די אידישע עטיק אין דער נאצי-עפּאכע איז א פענאמענאלע דערשיינונג. אידן האבן נישט נאכגעפאלגט די נאטירליכע אינסטינקטן פון זעלבסט-ערהאלטונג. זיי זענען זיך מקריב געווען פאר דער סביבה, פאר דער געזעלשאפט, פארן פאלק און אפילו פאר דער מענטשהייט אין אוניווערסאלן זין.

אין קעגנזאץ צו ברוך שפּינאזא'ס באהויפּטונג, אז די מענטשליכע נאטור איז געצוואונגען צו פאלגן די געזעצן פון דער נאטור, איז דא א גאר אנדערע מיינונג ביי טשארלס דארווין. ער דערקלערט אז דער מענטש קעמפט קעגן דער נאטור: "דער מענטש האט א גרויסע קראפט זיך צוצופאסן צו נייע געוואוינהייטן, צו נייע אומשטענדן פון לעבן. ער דערפינדט וואפן, געצייג און פארשידענע פלענער צו פארשאפן זיך שפּייז

און צו פארטיידיגן זיך. ווען ער וואנדערט אין א קעלטערן קלימאט, באנוצט ער קליידער, בויט זיך געצעלטן און מאכט פייער; מיט דער הילף פון פייער קאכט ער פאר זיך שפייז, וועלכע טויגן אויף אן אנדערן אופן נישט צום עסן. ער העלפט זיינע מיט-מענטשן אויף פארשידענע אופנים זיך גרייטן אנטקעגן דעם וואס וועט קומען שפעטער."[7]

פ. צ. ארמסטראנג דערקלערט אין "די עקאנאמיקס און מאראליטי", אז עטיק "קען סומירט ווערן אלס די לערע פון דער הייליגקייט פון דער פערזענליכקייט פון לעבעדיגע וועזנס און דער פולשטענדיגער פארברידערונג פון אלע לעבעדיגע וועזנס."[8]

י. מעססנער שרייבט אין "סאשעל עטיקס": "דער מענטש איז פון דער נאטור מער א געזעלשאפטליכע וועזן ווי אן אינדיווידועלע וועזן."[9]

ווען מען נעמט אין באטראכט דארווין, ארמסטראנג און מעססנער'ס געדאנקען אלס באזיס פאר באטראכטונגען, איז יעצט מעגליך צו פארשטיין דעם פענאמענאלן, היסטארישן פראצעס פון עטישער באוועגונג ביי אידן אין דער נאצי-עפאכע. די עטישע שטרעמונגען האבן באזייטיגט אלע פאליטישע און אידעאישע אנשויאונגען און קאנסאלידירט אלע אידן אין איין נאציאנאלער איינהייט.

רחל אויערבאך שרייבט: "עס האבן זיך פאראייניגט אלט און יונג, אין דמיון מיט דעם באפרייאונגס-קאמף פון די קדמונים. א טייל פון זיי מיט דער אידישער באפרייאונג און דעם קאמף וועגן אן אייגן לאנד. אנדערע מיט מענטשליכער דערלייזונג, וואס דארף קומען פאר אלע."[10]

מארעק עדעלמאן, דער באצירקס-קאמענדאנט פון דער קאמפס-ארגאניזאציע אויפן געביט פון די בערשטע-שאפן אין דער ווארשאווער געטא, דערקלערט: "נאך קיינמאל איז עס נישט געווען אזא הארמאנישע און קאארדינירטע צוזאמענארבעט צווישן מענטשן פון פארשידענע פארטייען און פאליטישע גרופירונגען ווי אין דעם דאזיגן פעריאד. מיר זענען אלע געווען קעמפער פון איין געדאנק - גלייכע פאר דער געשיכטע און טויט."[11]

דער צענטראל-קאמיטעט פונעם אונטערערדישן "בונד" אין פוילן האט אין זיין באריכט פון 22 יוני 1943 געשריבן דאס פאלגנדע: "אלע אנטיילנעמער אין אונדזער אויפשטאנד זענען געווען אידישע מענטשן פון פארשידענע ריכטונגען. עס האט געהערשט א מוסטערהאפטע קאמפס-ברודערשאפט צווישן בונדיסטן, חלוצים, שומרים א.א.וו."[12]

נישט געקוקט דערויף וואס רעליגיעזע אידן זענען באהערשט פון עטישן דעטערמיניזם, זענען אין דער נאצי-עפאכע אלע פארטיי-טיילן פארשוואונדן.

דר. הלל זיידמאן שרייבט מיטן גרעסטן יראת הכבוד וועגן דער ראלע פון די רבנים און ישיבה-בחורים אין ווידערשטאנדס-קאמף. צווישן אנדערע גיט ער איבער א כאראקטעריסטישע עפיזאד: "פארן אויפשטאנד האט הרב זעלמאן אריינגעשמוגלט אין

דער געטא צווועלף רעוואלווערן און עטליכע שאכטלעך קוילן. ער האט זיי איבערגעגעבן דעם אויפשטאנד-קאמיטעט. ער האט גערופן די רבנים, אז זיי זאלן משפיע זיין צום אויפשטאנד."[13]

אינעם קאמפלעקס פון פראבלעמען דארף מען אויך באטראכטן די ראלע און מסירות נפש פון אידישע קינדער אין דער נאצי-עפאכע. אין דער שטודיע פון פראפעסאר פישל שניאורסאן, "די קאטאסטראפאלע צייטן און די וואקסנדיגע דורות", אין קאפיטל 7, "צו דער ספעציעלער פסיכאלאגיע פון פארגאס-יתומים", שרייבט ער: "קינדער ווערן דורך זייערע אומנארמאלע לעבנס-באדינגונגען פריצייטיג רייף, און אויף דעם אופן קענען זיי נאך מער ווי גרויסע באווירקט ווערן פון די קאטאסטראפאלע געשעענישן." "דאס עמאציאנעלע לעבן ווערט נישט אפגעשטומפט, נאר באקומט נייע, מער פאסנדע רעאקציע-פארמען. די קינדער טראגן זייערע ליידן און שמערצן אין זיך, טיף אין דער נשמה באגראבן."[14]

פראפעסאר פישל שניאורסאן'ס פסיכאלאגישע פעסטשטעלונג קומט צום אויסדרוק אין דער נאצי-עפאכע. פילצאליגע ביישפילן און עפיזאדן זענען דא אין לענא קיכלער'ס בוך "מיינע קינדער", אין נח גריס'ס גבית-עדות זאמלונג "קינדער מארטיראלאגיע", אין יעקב פאט'ס "העלן", אין טאדאס טורקאו'ס "אזוי איז עס געווען", אין רבקה קוויאטקאווסקא'ס "פון לאגער צו לאגער", אין בערנארד גאלדשטיין'ס "פינף יאר אין ווארשאווער געטא", און אין א גאנצער רייע אנדערע ביכער פון דער חורבן-ליטעראטור.

א ליכטיגער שטראל פונעם אידישן גייסט און עטיק איז די פענאמענאלע פערזענליכקייט פון דר. עמנואל רינגעלבלום. אין די שווערסטע און טראגישסטע מאמענטן האט ער געפירט א וויסנשאפטליכע טעטיגקייט. ער האט ארגאניזירט און אנגעפירט מיט א היסטארישן פארשונגס-אינסטיטוט, ארגאניזירט סיסטעמאטישע "עונג שבת" און אנדערע גייסטיגע דערשיינונגען. דאס איז געווען אומלעגאל. א גאנצע נעץ פון קינדער-דערציונג, פאלקס-שולן, מיטל-שולן, פאר-שולן און אפילו אן אומלעגאלער אוניווערסיטעט. אויסער דעם א גאנצע נעץ פון פארשידענע אומלעגאלע שריפטן, ווי אויך פילצאליגע קעגנזייטיגע הילפס-אינסטיטוציעס.

פון וואנעט האט זיך גענומען דער פיזישער כח ביים אייראפעאישן אידנטום צו ארגאניזירן און דורכפירן דעם ריזיגן אויפשטאנד אין דער ווארשאווער געטא און א גאנצע רייע ווידערשטאנדן אין פארשידענע געטאס?

דער ענטפער איז: דער גייסט האט באווירקט דעם פיזישן כח.

וועגן דעם פראבלעם גיט פראפעסאר דר. פישל שניאורסאן א פסיכאלאגישע פעסטשטעלונג אין זיין בראשור "מענטש-געזעלשאפט". ער שרייבט: "פיזישע קולטור איז אוממעגליך אן פסיכישער קולטור. און נאר ביידע צוזאמען קענען ארויפנעמען די פסיכא-פיזישע גאנצקייט פון דער פערזענליכקייט. א חוץ מוסקולן און סקעלעט פארמאגט דער מענטש דאך א צענטראלן נערוון-סיסטעם, ספעציעל דעם מח, וואס איז

אזוי אדער אנדערש דער ארגאן פונעם פסיכישן לעבן. יעדע שעפערישע גייסטיגקייט קען זיך רעאליזירן נאר דורכן איינדרוק און אויסדרוק-פעאיגקייט פונעם קערפער און די ארגאנישע דורכדרינגונגען פון א פיין וויברירנדיגער אינערוואציע. די שטילסטע רעגונג פון דער נשמה באקומט דאך תמיד איר מאטארישן קערפער-אויסדרוק, און די קלענסטע באוועגונג פונעם קערפער געפינט איר אפקלאנג אין נשמה-לעבן. אמת'ע פיזישע קולטור איז ארגאניש פארבונדן מיט ריכטיגער פסיכישער קולטור, ווי קערפער און גייסט זענען ארגאניש פאראייניגט אין שעפערישער אור-גאנצקייט."[15]

א. גאלאמב מאכט אן אנאליז וועגן די אידן אין די געטאס און דערקלערט אז, נישט געקוקט דערויף וואס די אייראפעאישע אידן זענען געווען אין פיזישער קנעכטשאפט, זענען זיי דאך געווען פריי אין גייסט. ער שרייבט: "זאל געריסט זיין אונדזער איד אין די געטאס. זאל געבענטשט זיין דער אידישער מוט און כח צום לעבן, צו שאפן און צו בויען. בעסער זיין פרייע אידן אין קנעכטשאפט, איידער קנעכט אין פרייהייט."[16]

פון וואנעט האבן זיך גענומען די גייסטיגע רעזערוון ביים אייראפעאישן אידנטום צו באזיגן אלע נסיונות און אפצוהיטן די אידישע עטישע פרינציפן?

אן ענטפער אויף דער פראגע קען מען געפינען אין א גאנצער רייע ווערק.

עס וועט דעריבער גענוג זיין צו ציטירן חיים נחמן ביאליק'ס פאעמע "אם יש את נפשך לדעת", פראפעסאר שמעון דובנאווס "וועלט-געשיכטע פונעם אידישן פאלק", אבא גארדין'ס "מאראל אין אידישן לעבן" און משה מאנדעלמאן'ס בראשור "קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון".

פראגמענט פון חיים נחמן ביאליק'ס פאעמע "אם יש את נפשך לדעת" אין י. י. שווארץ'ס אידישער איבערזעצונג:

## אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואל...

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואל, פון וועלכן
עס האבן דיינע ברידער די פארפייניגטע געשעפט
דורך גיהנום פלאמען, צווישן שלעגן, מארטירערשאפט -
גאטס טרייסט, בטחון, העלדישקייט און מוטיגקייט,
די קראפט די אייזערנע, דיליידן אויסצושטיין,
דעם שולטער אט דאס מיאוסע לעבן צו פארטראגן, ליידן
אן סוף, אן גרענעץ, אן א ברעג.

אוי ברודער דו געפייניגטער! אויב דו ווייסט נישט פון דעם אלעם
אין בית המדרש קום, אין אלטן און פארעלטערטן
אין לאנגע טבת-נעכט,
אין זוניגע און ברענענדיגע תמוז-טעג
פרימארגנס, צי בייטאג, צי שפעט אין נאכט.[17]

פראפעסאר שמעון דובנאו דערקלערט אין זיין דייטשער אויסגאבע "וועלט-געשיכטע פונעם אידישן פאלק", באנד 3, פאראגראף 54: "דורכן קריסטאליזירטן רעליגיעזן צוכט האט דער תלמוד פארהארטעוועט דעם גייסט פון דער נאציע און איר געגעבן די קראפט אויסצושטיין אזעלכע דערשיטערונגען, וואס האבן אנדערע פעלקער געקאסט דאס לעבן."[18]

אבא גארדין שרייבט אין זיין בוך "מאראל אין אידישן לעבן": "מיר אידן זענען געוואוינט געוועזן צו צרות. מיר אידן זענען אויסגעפרובירט געווארן אין פורעניות און אנשיקענישן. אונדזער סימבאל איז דער סנה, וואס ברענט און ווערט נישט פארברענט. מען האט אונז געווארפן אין די טיפסטע און אומרעכטע וואסערן, געשליידערט אין די מים הזדונים, אין קעסלגריבער פון נגישות און דערנידערונגען. מיר זענען נישט דערטרונקען געווארן. מיר האבן געראטעוועט אונדזער עקזיסטענץ, איבערבאוואכט אונדזער בטחון, אויפגעהיט אונדזער גלויבן אין יושר. מיר האבן פעסטגעהאלטן אונדזער זיכערקייט אז מיר זענען גערעכט, און מער: אז אונדזער גערעכטיקייט וועט מוזן אויפגיין, און אונדזער פולע אויסלייזונג וועט סוף כל סוף אויפשיינען."[19]

דער זעלבער פראבלעם ווערט באריט דורך משה מאנדעלמאן אין זיין בראשור "קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון". ער דערקלערט: "די העלדן פון דער ווארשאווע און אנדערע געטאס האבן מאראליש באזיגט דעם מעכטיגסטן פיינט: ס'איז געווען די דרייסטסטע און מיאוסטע מפלה וואס היטלער'ס ארמייען האבן געליטן פון אידן. אידישע מאראל, אידישער גייסט האט מנצח געווען." "דער אור-אלטער קידוש השם, די פעאיגקייט און איינשטעלונג זיך מקריב צו זיין פאר הייליגקייטן, פאר אידעאלן, וואס מיר קענען אזוי גוט פון אונדזער מארטירער-געשיכטע, האט זיך אויך אין אונדזער צייט ארויסגעוויזן פאר דעם שטארקסטן שוץ-פאנצער פאר דער נשמה פונעם אידישן פאלק."[20]

די אידישע אמונה, דער אידישער גלויבן, די אידישע טראדיציע, די אידישע מאראל, דאס אידישע וויסן, דאס זענען געווען די גייסטיגע שטרעמונגען וואס האבן געגעבן דעם אייראפעאישן אידנטום כח, קראפט, מוט און האפענונג צו באזיגן אלע נסיונות און אפצולייגן א היסטארישן עקזאמען פון אידישער קאנסעקווענטער עטיק אין דער נאצי-עפאכע.

## דער באגריף געטא אין דער נאצי-עפאכע

דער אויסדרוק געטא שטאמט פון איטאליע. אין יאר 1516 איז דער באגריף צום ערשטן מאל באנוצט געווארן דורכן סענאט אין ווענעציע.[21]

אין מעיערס קאנווערסאציע-לעקסיקאן ווערט דער אויסדרוק דערקלערט אויפן פאלגנדן אופן: "געטא" איז ווארשיינליך פון דעם תלמודישן "גט", אפזונדערונג, אידן-קווארטאל. אין איטאליע און אין אריענטאלישע שטעט זענען פאר אידן געווען אנגעוויזן גאסן צום וואוינען, וואו זיי האבן זיך באזונדערט. אנדערע זענען אפגעשלאסן געווארן. די בארימטע געטא אין רוים האט דער פירסט פאול דער פערטער איינגעפירט.[22]

פראפעסאר שמעון דובנאו דערקלערט: "געטא איז א ווארט פון אומבאקאנטן אפשטאם, וואס איז שפעטער באנוצט געווארן צו באצייכענען די איינגעשלאסענע אידישע קווארטאלן."[23]

אין דער ענגלישער פונק און וואגנאל אויסגאבע פון דער אידישער ענציקלאפעדיע איז באצייכנט: "געטא - א גאס אדער א פערטל, אין וועלכן די אידן זענען געצוואונגען געווארן צו וואוינען, און דער ארייגאנג ווערט יעדן אוונט אפגעשלאסן."[24]

אין דער נייסטער ענגלישער אויסגאבע פון דער אוניווערסאלער אידישער ענציקלאפעדיע ווערט דער אויסדרוק געטא באצייכנט מיט די פאלגנדע ווערטער: "געטא איז א שטח וואס איז רעזערווירט פאר אידן און באגרעניצט לויטן געזעץ."[25]

די אלע ציטירטע דעפיניציעס קענען נאר זיין אנווענדבאר פאר דער צייט פונעם מיטלאלטער, ווען דער ציל פון איינפירן געטאס איז געווען א רעזולטאט פון אומטאלעראנץ צו אידן, רעליגיעזע פארפאלגונגען, ווירטשאפטליכע דיסקרימינאציעס און אויך ספעציעלע שטייער-אויספרעסונגען.

אין דער צייט פון דער נאצי-עפאכע זענען די צילן פון דער היטלער-מאכט געווען אן אלגעמיינע פארניכטונג פונעם אייראפעאישן אידנטום. דאס איינפירן די געטאס איז געווען דער יסוד צו דורכפירן פארפאלגונגען, דיסקרימינאציעס, פייניגונגען, טערור, אינדיווידועלע און מאסן-מארדן. דעריבער שטימען די אנגעגעבענע דעפיניציעס נישט מיטן באגריף געטא אין דער נאצי-עפאכע.

## דעפיניציע פונעם באגריף געטא אין דער נאצי-עפאכע

געטא איז אן איזאלירט געביט, ארומגעמויערט מיט מויערן אדער ארומגעצוימט מיט שטעכיגע דראטן, אין וועלכן אידן ווערן געצוואונגען צו וואוינען אונטערן דראנג פון טויט-שטראף. דערביי אונטערליגן זיי נישט קיין שום שוץ-געזעץ-געבונג. דער אידישער ציבור ווערט געצוואונגען צו טראגן א שאנד-צייכן. ער ווערט בארויבט פון זיין פערזענליכער פרייהייט, איזאלירט פון דער געגעבענער לאנדס-באפעלקערונג און פון דער אויסערליכער וועלט, פולשטענדיג אויסגעשלאסן פון ווירטשאפטליכן, געזעלשאפטליכן, קולטורעלן און פאליטישן לעבן. דער אידישער כלל ווערט בארויבט פון זיין מאטעריעלן, פריוואטן און געזעלשאפטליכן באזיץ. ער ווערט דעגראדירט מאראליש און גייסטיג אלס א מידערווערטיגע וועזן, וואס קען אומבאשטראפט דערמארדעט ווערן. ער ווערט אויסגענוצט אלס אומזיסטע ארבעטס-קראפט, ווערט פאראורטיילט צום פיזישן אונטערגאנג דורך שווערער שקלאפישער ארבעט, הונגער, קעלט און קראנקהייטן, און צום סוף אויסגעמארדעט דורך אינדיווידועלע און מאסן-דערשיסונגען, שריפות, פארגאזונגען און פארברענונגען אין קרעמאטאריומס.

## פארמען פון אומקום

די נאצי-מאכט האט ארויסגעגעבן א גענעראלן טויט-אורטייל איבערן אייראפעאישן אידנטום. זי האט דאס דורכגעפירט דורך פארשידענע מיטלען, און דאס איז געקומען צום אויסדרוק אין צוויי צייט-אפשניטן: 1. פארפאלגונגס-עפאכע; 2. פארניכטונגס-עפאכע.

## פארפאלגונגס-עפאכע

די פארפאלגונגס-עפאכע נעמט ארום די צייט פונעם ארייננמארש פון דער נאצי-מאכט אין די אייראפעאישע לענדער, פון סעפטעמבער 1939 ביז די מאסן-שחיטות אין פרילינג 1942.

אין דער פארפאלגונגס-עפאכע האבן די נאציס אויסגעשטויסן דאס אייראפעאישע אידנטום פון ווירטשאפטליכן, געזעלשאפטליכן, קולטורעלן און פאליטישן לעבן. זיי האבן געצוואונגען אידן צו טראגן שאנד-צייכנס, זיי איזאלירט אין הערמעטיש פארמאכטע געטאס, געצוואונגען צו אונטערנעמען אומבאצאלטע צוואנגס-ארבעט, דורכגעפירט טעראר-אקטן, אינדיווידועלע און מאסן-דערשיסונגען, ארעסטירט און דערשאסן געזעלשאפטליכע טוער, און פאראורזאכט א מאסן-שטערבליכקייט ביי אידן דורך הונגער, קעלט, שווערער שקלאפישער ארבעט און עפידעמישע קראנקהייטן. דאס אלעס איז ביי די נאציס געווען דער מינימום-פראגראם אין דער אויסראטונגס-מלחמה קעגן אידן.

## פארניכטונגס-עפאכע

די פארניכטונגס-עפאכע איז דורכן נאצי-גדול היידריך אנגערופן געווארן "ענדציל". דאס איז די צייט פון דער צווייטער העלפט פון יאר 1942, און זי האט געדויערט ביזן ענדגילטיגן פאל פון דער היטלער-מאכט אין דער ערשטן דעקאדע פון מאי 1945.

אין דער פארניכטונגס-עפאכע זענען פארגעקומען די גרוימסטע און בארבארישסטע מאסן-אויסמארדונגען פונעם אייראפעאישן אידנטום דורך גאז-ראומען, קרעמאטאריומס און מאסן-עקזעקוציעס דורך הענגען, דערשיסונגען און פייניגונגען.

דאס אידישע פאלק איז דערצויגן געווארן אין דעם גייסט פון עטיק און מאראל. דעריבער האט עס נישט געקענט גלייבן אין דער מעגליכקייט פון אזעלכע אכזריות'דיגע אקטן פון דער נאצי-מאכט. די רעליגיעזע אידן האבן געלעבט מיט בטחון ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען די גרויל-טאטן זענען געווארן א פאקט. דערביי האבן זיי געגלייבט אין א נס מן השמים. די נאציאנאלע גרופירונגען אין אידישן פאלק האבן געגלייבט אין "וועלט-געוויסן". די סאציאליסטישע און לינק-געשטימטע קרייזן האבן געגלייבט אין אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט. ווען אלע האפענונגען זענען צערונען געווארן, איז פארגעקומען א גייסטיגע איבערגעשטאלטונג אין אידישן לעבן, וואס האט קאנסאלידירט אלע שטרעמונגען און געברענגט צום אויסדרוק: אידישן קאמף, אידישן פיזישן כח, אידישע גבורה און אידישן העראיזם. עס איז געקומען צום אויסדרוק הלל'ס פילאזאפישער געדאנק: "אם אין אני לי, מי לי, וכשאני לעצמי מה אני, ואם לא עכשיו אימתי."[26]

## די גייסטיגע איבערגעשטאלטונג און די פיזישע איבעראריענטירונג

## אין ליכט פון פאקטן און עפיזאדן פון דער חורבן-ליטעראטור

אין דר. הלל זיידמאן'ס בוך "טאגבוך פון ווארשאווער געטא" ווערט דערקלערט אז א מחנה אידן זענען געפירט געווארן צום אומשלאגס-פלאץ, צו דעפארטירן זיי צום אומקום קיין טרעבלינקע. אויפן וועג האבן די צוואפערס געהייסן די אידן אוועקזעצן זיך אויפן גאס, כדי זיי צו בארויבן. צווישן דער מחנה איז געווען אן אלטער איד מיט א שניי-ווייסער בארד, מיט אן אויסזען ווי אליהו הנביא. אט דער איד, וועמענס שעה'ן זענען געווען געציילט צוליב דעם פאלקס-גורל פון אומקום אין טרעבלינקע, האט זיך ארומגעקוקט איבער די פארטרויערטע אידישע פנימער. א טייל האט אויסגעדריקט האס, צארן און פארביטערונג; ביי א טייל אפאטיע און רעזיגנאציע. ער האט אויסגערופן: "אידן, זייט נישט צוטראגן! וואס זיצט איר אזוי? נאר נישט אין עצבות חס ושלום. זעט איר נישט ווי מיר גייען אנטקעגן משיח?"[27]

אפרים קראוטשינסקי גיט איבער אין זיין גבית-עדות "שחיטות אין קאבלינקי", וואס איז פארגעקומען דעם 27 יוני 1941: "אויף מארגן אינדערפרי האט מען גערופן דעם רב פון שטעטל, הירש מאקאווסקי, ער זאל פארברענען די ספרי תורה. ער האט געזאגט: איר קענט מיך פארברענען, אבער איך וועל דאס נישט טאן." ווען מען האט געפירט דעם רב מיט א גרופע אידן צום עקזעקוציע-פלאץ, האט דער רב אויסגערופן: "ס'וועט זיין גוט, אידן. זאגט שמע ישראל."[28]

אין בוך "ווירקלעכקייט" ווערט איבערגעגעבן די פאלגנדע עפיזאד: "דער טושינער רב ר' יוסף בריקמאן האט אין דער לאדזשער געטא נישט אויסגעפירט דעם ציינישן באפעל פונעם אידן-מערדער פישער: אויסצוגראבן א גרוב פאר זיך אליין. ווען מען האט געשאסן צו אים, האט ער אויסגערופן: שמע ישראל. תמחה את זכר עמלק. נקמה, נקמה."[29]

דאס איז אן עפיזאד פון אן אלטן גאטספארכטיגן איד, וואס האט זיין גאנץ לעבן געלעבט אין רעליגיעזער קדושה. אויך א טראגישע געשיכטע וועגן דעם גורל פון דעם צוויי און אכציג-יאריגן ווארשאווער רב, פריער בלאשקער רב, הרב יצחק קאנאל, געוועזענעם וויצע-פארזיצער פון אגודת הרבנים אין פוילן. ער האט דערקלערט פאר זיין פריינד ר' ישע פרידמאן: "איך וועל מיך נישט לאזן אוועקפירן. זאל געשען וואס עס וויל, אבער דא אויפן ארט. קומען צו קבר ישראל..." צומארגנס איז הרב קאנאל געכאפט געווארן צום אומשלאג-פלאץ. פארנאכט איז אנגעקומען א ידיעה צום יודענראט: ארויסצושיקן די עגלה נאכן טויטן קערפער פון הרב יצחק קאנאל, וואס איז דערשאסן געווארן אויפן אומשלאג-פלאץ. ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, האט ער זיך אנטקעגנגעשטעלט. ער האט געפרואווט ארויסצורייסן דעם רעוואלווער ביים דייטשן זעלנער, וואס האט אים באוואכט. נאטירליך איז ער דערשאסן געווארן אויפן ארט. דערגרייכט זיין ציל: נישט געלאזט זיך פרייוויליג דעפארטירן און געקומען צו קבר ישראל.[30]

שאול קאפלאן דערציילט אין זיין גבית-עדות: "דער זשאנדארמעריע-מייסטער איז איין מאל געפארן דורכן וואלד אין דער באגלייטונג פון נאך זשאנדארן. אויפן וועג איז געגאנגען א בחור. זיי האבן אים אפגעשטעלט און געפרעגט וועגן זיינע דאקומענטן. ער האט, ווי וועלנדיג, געוויזן זיינע דאקומענטן, מיט א תנועה ארויסגענומען א רעוואלווער פונעם באזעם און דערשאסן דעם מייסטער. נאכדעם האט מען אין וואלד געפונען אן דערשאסענעם שיסער, וואס האט זיך ארויסגעוויזן אלס דער ראדינער ישיבה-בחור שמעון בריסקער."[31]

די ציטירטע פאקטן און עפיזאדן כאראקטעריזירן די גייסטיגע איבערגעשטאלטונג און פיזישע איבעראריענטירונג אינעם אידישן לעבן ביי רעליגיעזע אידן. דאס קומט צום ערשט צום אויסדרוק אין א פאסיווער פארם, טעאיסטישע דעטערמינאציע, און אנטוויקלט זיך שנעל אין אן אקטיוון ווידערשטאנד און אקטיוון באוואפנטן קאמף.

אויב ביי רעליגיעזע אידן איז פארגעקומען אזא שנעלע גייסטיגע און פיזישע איבערגעשטאלטונג, איז ביי די אנדערע שיכטן פון פאלק פארגעקומען נאך א שנעלערע

איבעראריענטירונג אין דער סיטואַציע, וואָס האָט אָפּגעווישט אַלע שפּורן פון פּאַרטיי-דיפערענצירונגען און אַלעמען פאַראייניגט אין אַ פאָלקס-איינהייט. אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, אין דער נאַצי-עפּאָכע, קומט דער געדאַנק בולט צום אויסדרוק אין דער גאַנצער חורבן-ליטעראַטור און אין די ציטאַטן פון רחל אויערבאַך, מאַרעק עדעלמאַן און פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון "בונד", וואָס זענען ציטירט געוואָרן אינעם ערשטן קאַפּיטל פון דער אַרבעט. אינטערעסאַנט איז די פעסטשטעלונג אין בוך "אין די יאָרן פון אידישן חורבן": "אַלע אַנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד זענען געווען אידישע מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען. עס האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע קאַמפּס-ברודערשאַפט."[32]

אין דער געשיכטע פונעם אידישן פאָלק זענען באַקאַנט צוויי פאָרמען פון קדושה: דער אומקום פאַר קידוש השם און דער אומקום פאַר קידוש העם, רעליגיעזע קדושה און נאַציאָנאַלע קדושה.

די געטאָס אין דער נאַצי-עפּאָכע זענען אַן אוניקום אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דעריבער זענען אויך אַנטשטאַנען ספּעציפישע צייט-באַדינגונגען. מען קען נישט פאַראַלגעמיינערן דעם אומקום פון אַלע אידן אין די צוויי פאָרמען פון קדושה. דער אומקום פון אידן אין די געטאָס איז פאָרגעקומען ביי פאַרשידענע באַדינגונגען. דעריבער קומען צום אויסדרוק פאַרשידענע פאָרמען פון קדושה.

## וואָס איז קדושה?

דער אויסדרוק קדושה באַדייט - הייליגקייט.

דער אויסדרוק קדושה האָט אין לויף פון דער געשיכטע געדינט צו באַצייכענען דאָס אַלמעכטיגסטע, פּערפעקטסטע, מאָראַלישסטע, זיטליכסטע, עטישסטע, נישט נאָר אין באַצוג צו דער הימלישער ספערע, נאָר אויך פאַרן עולם התחתון, וואָס דינט פאַר די צוועקן און צילן.

קדושה דריקט זיך אויס אין צוויי אַלגעמיינע אייגנשאַפטן:

1. אַ מעטאַפיזישע, וואָס איר באַגריף איז אויסער די מענטשליכע באַטראַכטונגס-מעגליכקייטן, וואָס קענען נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט מענטשליכע חושים ווי צום ביישפּיל ישעיהו הנביא'ס דערקלערונג ווען גאָט: "קדוש, קדוש, קדוש."[33]

2. אַ פיזישער באַגריף, וואָס קען גענוי אויסגעפאָרשט ווערן מיט די מענטשליכע באַטראַכטונגס-מעגליכקייטן, דאָס הייסט מיט די חושים.

דער אויסדרוק קדושה איז ברייט פאַרשפּרייט ביים אידישן פאָלק צו באַצייכענען סימבאָלן, וואָס דאַרפן דינען אַלס אידעאַל, מוסטער, וועגווייזער, באַלערער, סיי פאַר לעבעדיגע און סיי פאַר נישט-לעבעדיגע וועזנס, קעגנשטאַנדן אינעם אוניווערס. צום

ביישפּיל: הייליגער נאָמען, הייליגע תּורה, הייליגע שריפט, כּלי קודש, תּשמישי קדושה, הייליג לאַנד, הייליגע שטאָט, הייליג פאָלק, הייליגער שבת, הייליגער רבי, הייליגער אָנדענק, הייליגע נאָכן טויט א.א.וו.

דער אויסדרוק קדושה באַציט זיך נישט בלויז צו רעליגיעזער מאַרטירערשאַפט, צו אַ פּאַסיווער פאָרם פון קאַמף, נאָר אויך צו העלדן פון אַן אַקטיוון קאַמף, וואָס האָבן אונטערגעשטריכן נייע סימבאָלן. צום ביישפּיל: הייליגע פאָן, הייליגע אידעע, הייליגער קאַמף, הייליגע מלחמה און ענליכע באַגריפן.

אין אַן אַלגעמיינער פאָרם קען מען דעריבער דעפינירן דעם באַגריף קדושה אַזוי: פרייוויליגע אָפּפערונג פון אַ יחיד אָדער אַ כּלל פאַר מעטאַפיזישע, אַלמענטשליכע, אינטערנאַציאָנאַלע, נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע אידעאַלן, וואָס שטיצן זיך אויף מאָראַלישע, עטישע און זיטליכע יסודות.

## פאָרמען פון קדושה

די פאָרמען פון קדושה דאַרפן איינגעטיילט ווערן אַזוי:

1. רעליגיעזע קדושה.

2. נאַציאָנאַלע קדושה:

א. פּאַסיווע; ב. אַקטיווע; און ג. סופּערלאַטיווע. 3. מעטאַפיזישע קדושה.

4. אוניווערסאַלע קדושה.

רעליגיעזע קדושה שליסט זיך איין אינעם באַגריף נאַציאָנאַלע קדושה. אין יעדן פאַל ווען עס איז רעליגיעזע קדושה, איז דאָס גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט די פּונקטן א, ב און ג פונעם באַגריף נאַציאָנאַלע קדושה. כּדי קלאָרצומאַכן דעם פּראָבלעם איז נויטיק צו ברענגען אַ דעפיניציע פונעם באַגריף נאַציע.

אַ נאַציע איז אַ גרופּע מענטשן מיט אַן אייגענער שפּראַך, רעליגיע, געשיכטע, קולטור, טראַדיציע, יום-טובים, ספּעציפישן טראַכט, אייגנאַרטיגע פּראָדוקציע, דינים, מנהגים, עטיק א.א.וו.

אַלע פאָרמען פון קדושה באַזירן זיך אויף צוויי הויפּט-יסודות פון קדושה:

1. גייסטיגע קדושה; און

2. פיזישע קדושה.

דער באַגריף גייסטיגע קדושה דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַלס דער אומקום פון אַ יחיד אָדער אַ גרופּע צוליב רעליגיעזע, עטישע און מאָראַלישע פּראָבלעמען און אידעישע אַנשויונגען.

דער באַגריף פּיזישע קדושה דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַלס דער אומקום פון אַ יחיד אָדער אַ גרופּע אין אַן אַקטיוון פּיזישן קאַמף.

אין ביידע פאַלן זענען סיי די קרבנות פון גייסטיגער קדושה און סיי די קרבנות פון פּיזישער קדושה נאַציאָנאַלע העלדן.

## אַנאַליז פון די פאָרמען פון קדושה

כּדי צו אַנאַליזירן די פאָרמען פון קדושה וועלן געברענגט ווערן אַנטשפּרעכענדע ציטאַטן פון דער חורבן-ליטעראַטור.

### רעליגיעזע קדושה

## דער אומקום פון ר' הלל צייטלין

די נאַצי-מערדער זענען געקומען צו ר' הלל צייטלין, אים צו נעמען צום אומשלאַג-פּלאַץ. ר' הלל צייטלין האָט אָנגעטאָן זיין טלית און תּפילין, גענומען אַ זוהר אונטערן אָרעם און איז געגאַנגען.

דר. הלל זיידמאַן באַשרייבט די עפּיזאָד אין די פאָלגנדע ווערטער:

"אַ מערקווירדיגער גאַנג איז דאָס געווען. מיט שטאַרקע טריט האָט ער געשפּריטן צווישן דער מחנה אומגליקלעכע. זיין פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט, זיינע פלינקערנדיגע אויגן און זיין גיין האָבן אַנגעוואָרפן אַן אימה. אַפילו די רציחה'דיגע אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן זענען באַאיינדרוקט געוואָרן: זיי האָבן אים נישט געטריבן ברוטאַל, געלאָזט אים אין רו. ער האָט געשפּרייזט פאָרטראַכט, זיינע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן, און זיינע אויגן זענען פאַרקוקט געוואָרן ערגעץ ווייט, ווייט."[34]

## דער אומקום פון ר' משה קליינמאַן

ר' משה קליינמאַן, אַ זקן פון קרוב צו 80 יאָר, איז געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער אויף בערקאַ-יאָסעלעוויטשאַ-גאַס, נומער 15, אין טשענסטאָכאָו. דריי טעג נאָך סוכּות (1942) איז ער אַליין אַרויסגעקומען פון זיין באַהעלטעניש, אָנגעטאָן אין קיטל, טלית און תּפילין. ער האָט זיך געוואַנדן צו די ס"ס-לייט, וואָס זענען געשטאַנען לעבן הויז, מיט די פאָלגנדע ווערטער: "איך האָב שוין מיין געבעט געמאַכט. איך בין גרייט. איר קענט מיך דערשיסן." דער זקן ר' משה קליינמאַן איז דערשאָסן און באַערדיגט געוואָרן אויף דער קאָוויע-גאַס.[35]

## דער טויט פון הרב ר' וואלף סאנגלאוויטש

אין "פנקס מלאווע" געפינט זיך די פאלגנדע עפיזאד: "דער רב האט זיך דערוואָרבן א סך ליבשאפט און פארטרויען פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. נאך מער האט ער ארויסגעוויזן זיין גרויסקייט און ווערד, זיין צוגעבונדנקייט און ליבע צו זיין עדה, בשעת דער לעצטער אויסראטונגס-מלחמה. ווען מען האט דאס ערשטע מאל ארויסגעטריבן די אידן פון שטאט, האבן די אידן געוואלט ראטעווען דאס לעבן פונעם רב. דער אלטער מלאווער רב האט אבער נישט געזוכט קיין וועגן, ווי אזוי צו ראטעווען זיין לעבן אין דער צייט ווען די גאנצע עדה איז אין סכנה. קאלט און אכזריות'דיג קומט דער באפעל: ארויף אויף די מאשינעס! דער רב זיצט ערשט אויף. די נאנטע העלפן אים אונטער. ער איז גרייט מקדש השם צו זיין. צוזאמען מיט זיינע אידן איז ער ארויסגעטריבן געווארן פון שטאט און אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה אין גלות לובלין. ער איז געזעסן 49 יאר אויפן כסא הרבנות אין מלאווע."[36]

רעליגיעזע קדושה איז א פרייוויליגע אפפערונג פון א יחיד אדער א גרופע פאר רעליגיעזע אנשויונגען.

## נאציאנאלע קדושה - א. פאסיווע פארם

די פאסיווע פארם פון נאציאנאלער קדושה אין דער נאצי-עפאכע איז א רעזולטאט פון א פיזישן און גייסטיגן געוואלט, וואס דאס אידנטום האט דורכגעמאכט אין די געטאס.

בערנארד גאלדשטיין באשרייבט די דעפארטאציע פון די ארעסטירטע אידן אין דער ווארשאווער תפיסה: "באוואפנטע דייטשן, אוקראינער און לעטן, אייניגע מיט די ביקסן אנגעשטעלט צו דער זייט פון דער גאס, אנדערע אין דער ריכטונג פון שפאלער... המונים מענטשן פוןביידע זייטן, אויסגעדארטע, מיט געלע פנימער, מיט שמאטעס אנשטאט קליידער, בארוועס און אין צעריסענע שיך. אויגן גלאנצן פון פיבער, מורא שוועבט. א געוויין, א שלוכצן, א טיפער יסורים-קרעכץ אין דער לופטן."[37]

יוסף גאר שרייבט וועגן 50 קרבנות פון קאָווענער געטא, וואס זענען דעם 4 פעברואר 1943 אויף שליטנס אוועקגעפירט געווארן צום ניינטן פארט צום אומקום: "דער צוג פון די שליטנס, אין וועלכע ס'זענען געזעסן די צום טויט פאראורטיילטע, האט מיר פארגעשטעלט א לויה פון לעבעדיגע מתים, וואס ווייסן גאנץ גוט אז עס דערווארט זיי אין א פאר שעה ארום אויפן ניינטן פארט... אויסגעשעפט פיזיש און גייסטיג פון די שוידערליכע איבערלעבונגען, זיך גרייטנדיג במחשבה צו דער באפארשטייענדער עקזעקוציע, האבן זיי מיט זייער רעזיגנירטן בליק צום לעצטן מאל אין זייער לעבן אנגעקוקט דאס געטא."[38]

אין "אונדזער ארכיוו" געפינט זיך דער פאלגנדער פאראגראף: "די רעליגיעזע אידן, זקנים, אלטע פרויען און קינדער זענען פארשניטן געווארן פון דער וועלט מיט דעם פולן

באוואוסטזיין אז זיי קומען אום על קידוש השם ועל קידוש העם."[39]

אונטערן באגריף נאציאנאלע קדושה, פאסיווע פארם, דארפן פארשטאנען ווערן אלע אידן וואס זענען אומגעקומען אין דער נאצי-עפאכע דורך פארשידענע פארמען: סיי פון הונגער, קעלט, פיזישער ערשעפונג דורך צוואנגס-ארבעט, עפידעמישע קראנקהייטן; סיי דורך דערשיסונגען, פארברענען אויף שיטערהויפנס און אין בתי-תפילות; סיי דורך פארגאזונגען אין די גאז-אויטאס און גאז-קאמערן, און פארברענונגען אין קרעמאטאריעס.

נאציאנאלע קדושה, פאסיווע פארם, איז דער אומקום פון א יחיד אדער א גרופע צוליב דער אנגעהעריקייט צום אידישן פאלק און צו דער אידישער אמונה.

## נאציאנאלע קדושה - ב. אקטיווע פארם

יעקב פאט גיט איבער אין זיין בוך "הענט" א מערקווירדיגע עפיזאד, אן עפיזאד פון א פאלקס-מענטש אין ווארשאווער געטא, דאס איז שאיע דאראשקאש פון דער גשיבאווסקע גאס. א געטא-פאליציאנט האט אים געכאפט און וויל אים מיט כח אוועקפירן צום אומשלאג-פלאץ, דאס הייסט צום אומקום קיין טרעבלינקע. שאיע דאראשקאש שטעלט זיך אנטקעגן. ער לאזט זיך נישט פירן, ער וויל נישט גיין. עס קומט פאר א שארפער ווערטער-אויסטויש, וואס פארוואנדלט זיך אין א געשלעג. דער פאליציאנט שלאגט שאיע'ן מיט א גומענעם שטעקן, און שאיע קען אים נישט באזיגן מיט די ליידיגע הענט. דעריבער רייסט ער ארויס א שטעקן פון א צוים און שלאגט צוריק. עס ווערט א טומל און א געשריי. יעקב פאט שרייבט ווייטער: "אויפן געשריי זענען אנגעלאפן ליטווישע רוצחים. שאיע האט מיטן שטעקן אין האנט, וואס ער האט ארויסגעריסן פונעם קני-הויכן צוים, זיך געווארפן אויף זיי. ער האט געברענט. שאיע גבור, ער האט געשלאגן די ליטווישע מיטן שטעקן. ביז א קויל האט אים אומגעווארפן. ער איז געפאלן ווי א פלאם און איז באגאסן געווארן מיט בלוט."[40]

אין בוך "מיר ווילן לעבן" איז געשריבן געווארן אז אין אויגוסט 1941, ווען עס איז פארגעקומען די אויסזידלונג פון דווינסקער געטא, האבן א גרופע אידן "אפילו שוין פארוואונדעט און אפגעגאסן מיט בלוט, זיך געווארפן אויף די מערדער מיט הוילע הענט און מיט די ציין, און געקעמפט ביזן לעצטן אטעם-צוג. דאס זענען געווען קרעפטיגע, העלדישע אידן, און איבער א פאר צענטליק פון די רוצחים האבן זיי פארוואונדעט, און עטליכע פון זיי אויך דערווארגן און מיטגעשלעפט אין גרוב אריין."[41]

אין בוך "חורבן טשענסטאכאו" געפינט זיך די פאלגנדע עפיזאד: "אין דער צייט פון דער אויסזידלונג איז פארגעקומען דער פאלגנדער ווידערשטאנד פון א העלדישן אידישן באקסער, זילבערבער. באקאנט איז געווען אין די ספארט-קרייזן אונטערן נאמען האנס. ער איז געווען א פילמאליגער טשענסטאכאווער באקס-מייסטער, א זון פון א זאקן-

פאבריקאנט אויף גאריבאלדי-גאס 16. ווען די ס"ס-מענער זענען אריין צו אים אין שטוב מיטן ווילדן געשריי: ארויס! האט ער זיך אויף זיי געווארפן און געשלאגן. ער האט געענטפערט: פון מיין וואוינונג גיי איך נישט ארויס! די ס"ס-מענער האבן צו אים דריי מאל געשאסן, און דערפון האט דער 24-יאריגער זילבערבער פארענדיקט זיין לעבן אין דער היים."[42]

נאציאנאלע קדושה, אקטיווע פארם, איז דער אומקום פון א יחיד אדער א גרופע צוליב דער אנגעהעריקייט צום אידישן פאלק און דער אידישער אמונה, אין א פארטיידיקונגס-קאמף.

## נאציאנאלע קדושה - ג. סופערלאטיווע פארם

די געשיכטע פון די לעצטע דריי רבנים אין ווארשאווער געטא.

אין חודש מערץ 1943 האבן זיך קאטוילישע גלחים געוואנדן צום ווארשאווער יודענראט. זיי זענען געווען גרייט אויסצובאהאלטן די עטליכע לעבן-געבליבענע רבנים מיט זייערע פאמיליעס. אין יענער צייט האבן געלעבט די לעצטע דריי רבנים פון ווארשאווער ראבינאט: הרב מנחם זמבא, הרב שמעון שטאקהאמער און הרב דוד שפירא. דער וויצע-פארזיצער פון ווארשאווער יודענראט, אינזשעניר שטאלצמאן, איז וועגן דעם ענין געקומען צו א בארונג מיט די רבנים. דר. הלל זיידמאן באריכטעט וועגן דער באראטונג דאס פאלגנדע: "ווי נאר אינזשעניר שטאלצמאן האט איבערגעגעבן דעם תוכן פון זיין שליחות, איז דער יינגסטער פון די דריי רבנים, הרב דוד שפירא, אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, אויסרופנדיג: ניין! מיר וועלן אונדזער קהילה נישט פארלאזן. מיר האבן געלעבט צוזאמען. אויב ס'איז אונז באשערט אומצוקומען, וועלן מיר אומקומען מיט אונדזער עדה. אויך די אנדערע צוויי רבנים האבן געזאגט אז דאס פארלאזן די רבנים דאס געטא וועט מאכן א שרעקליכן רושם אויף די איבערגעבליבענע אידן. עס וואלט צעבראכן יעדן ווידערשטאנדס-כח און בטחון. די רבנים האבן אפילו נישט געוואלט באטראכטן דעם רעטונגס-פארשלאג. זיי האבן אלע דריי געענטפערט: מיר פארלאזן נישט אונדזער עדה. מיר האבן געלעבט מיט דער ווארשאווער קהילה צוזאמען. אויב ס'איז דער ווילן פון דער השגחה, וועלן מיר שטארבן צוזאמען."[43]

די רבנים מנחם זמבא און שמעון שטאקהאמער זענען אומגעקומען. הרב דוד שפירא איז על פי נס געראטעוועט געווארן.

די מערקווירדיגע עפיזאד ברענגט בולט צום אויסדרוק די דערהויבנקייט, נאציאנאלע און גייסטיגע, פון די רבנים, וואס האבן נישט געוואלט אויסנוצן קיין געלעגנהייט פון פיזישער רעטונג. נאר האבן געוואלט סיי מיט זייער לעבן, סיי מיט זייער אומקום, צוגעבן נאציאנאלע חשיבות דעם אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא.

דער פאקט האט דערהויבן די רבנים צו דער העכסטער שטופע פון נאציאנאלער קדושה, וואס דריקט זיך אויס אין א סופערלאטיווער פארם.

אין דער צייט פון יאנואר-אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא איז דער דיכטער יצחק קאצענעלסאן געווען מיט א קאמפס-גרופע פון 40 חלוצים אויף זאמענהאף-גאס 56-58. ער האט דאס פאראייביגט אין זיין פאעמע "דאס ליד פונעם אויסגעהארגעטן פאלק":

"און ס'קומט אריין א חלוץ און פארטיילט געווער.
פאר מיר איז נישט געווען גארנישט... נאר ס'איז פאר מיר געווען אלץ!
הגם צו שפעט...
ניין, ניין! ס'איז קיינמאל נישט צו שפעט! דער לעצטער איד - קוים לעבט - אוועק א רוצח ראטעוועט דעם פאלק.
מען קען א פאלק אן אויסגעהארגעטן שוין ראטעווען דאך אויך... ראטעוועט!
איך האב צו זיי גערעדט,
איך האב געשטארקט זיי, יא! זיי האבן מיך געשטארקט. איך האב צו זיי גערעדט, געוואונשן זיי דערפאלג."[44]

דר. יוסף קרעמיש שרייבט וועגן יצחק קאצענעלסאן: "דער באוואוסטער העברעישער פאעט יצחק קאצענעלסאן, וואס האט זיך געפונען אין דער גרופע, האט זיי צוגעגעבן קאמפס-מוט. איך בין גליקליך, זענען געווען זיינע ווערטער, וואס איך שטארב צוזאמען מיט קעמפנדיגע חלוצים. מיר שטארבן מיטן באוואוסטזיין וועגן דער אייביקייט פונעם אידישן פאלק."[45]

דר. פיליפ פרידמאן שרייבט וועגן א העלדישער, מוטיגער פרוי, א אידישע ארטיסטין, וואס האט באוויזן אן אויסערארדנטליכע גבורה און בליץ-שנעלע האנדלונג אינעם טויטן-לאגער בירקענוי, אין סוף אקטאבער 1943. דר. פיליפ פרידמאן שרייבט:

"ווען דער רעפארט-פירער שילינגער האט מיט כח גענומען אראפרייסן פון איר די קליידער, האט זי געשטעלט א ווידערשטאנד. זי האט אים דערלאנגט א פאטש אין פנים. ווען ער האט אנגעהויבן זיך מיט איר צו ראנגלען, האט זי ארויסגעריסן זיין רעוואלווער פון דער האנט און אים דערשאסן. אויף איר קוקנדיג האבן אויך אנדערע פרויען געשטעלט א ווידערשטאנד."[46]

די סופערלאטיווע פארם פון נאציאנאלער קדושה איז א פרייוויליגע אפפערונג פון א יחיד אדער א גרופע, וואס האט מיט מאראלישע, עטישע, רעליגיעזע און פיזישע מיטלען פארטיידיקט און באווירקט אנדערע צו פארטיידיקן דעם כבוד פונעם אידישן פאלק.

## מעטאפיזישע קדושה

אינעם קאפיטל "וואס איז קדושה" איז פעסטגעשטעלט געווארן אז דער אויסדרוק קדושה דינט פארן אידישן פאלק צו באצייכענען סימבאלן, וואס דארפן דינען אלס אידעאל, מוסטער, וועגווייזער און באלערער. דאס איז דער אינהאלט פון מעטאפיזישער קדושה. דא וועלן געברענגט ווערן צוויי עפיזאדן וועגן כאראקטעריסטישע פערזענליכקייטן, וואס רעפרעזענטירן די מעטאפיזישע קדושה.

## דר. יאנוש קארטשאק (גאלדשמידט)

מלך ניישטאט שרייבט וועגן דר. יאנוש קארטשאק דאס פאלגנדע: "ווי א לעגענדע אויף לאנגע צייטן וועט דערציילט ווערן די מעשה פון לערער און לייטער פון קינדער-אנשטאלטן, וואס זענען געגאנגען אין גירוש בראש פון זייערע תלמידים. זיי האבן געוואלט פארשפארן די קינדער דעם שרעק פונעם מארש צו די טויט-צוגן. זיי האבן אנגעטאן זיך און די קינדער אין יום-טוב'דיגע קליידער, געטיילט זיי צוקערלעך און מיט געזאנג אויף די ליפן געפירט די תלמידים צום פארניכטונגס-טראנספארט, ווי זיי וואלטן ארויסגעלאזט געווארן אויף א שפאציר. אזוי האט געטאן דער בארימטער שרייבער און פעדאגאג יאנוש קארטשאק. ווען דער דייטשער ס"ס-מאן איז געקומען צו אים און אים מודיע געווען וועגן זיין באפרייאונג, האט אים דער אלטער קארטשאק געענטפערט: טראג דיך אפ, דו הונט. זעסטו דען נישט ווי אידישע קינדער גייען דעם טויט אנטקעגן?" [47]

## דר. עמנואל רינגעלבלום

א פענאמענאלע פערזענליכקייט, אלזייטיג באגאבט אלס וויסנשאפטלער, היסטאריקער, ארגאניזאטאר און גייסטיגער מנהיג. ער האט דערהויבן דאס קולטורעלע לעבן אין ווארשאווער געטא דורכן פירן סיסטעמאטיש אן עונג שבת, ארום וועלכן די גאנצע אידישע אינטעליגענץ האט זיך קאנצענטרירט. ער האט ארגאניזירט אין געטא א היסטארישן אינסטיטוט און אנגעפירט מיטן זאמלען היסטארישע מאטעריאלן, דורכגעפירט אנקעטעס און באגראבן דעם ארכיוו, כדי די מאטעריאלן זאלן בלייבן פאר דער אידישער געשיכטע. ער האט געהערט צו די צענטראלע אינסטאנצן, וואס האבן אנגעפירט מיטן ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. דר. עמנואל רינגעלבלום האט געהאט א מעגליכקייט זיך צו ראטעווען, אבער ער האט דעם רעטונגס-פארשלאג אפגעווארפן. [48]

מעטאפיזישע קדושה איז דער אומקום פון א יחיד אדער א גרופע אלס רעזולטאט פון אלמענטשליכע טעטיגקייטן צו פארטיידיקן דעם פאלקס-כבוד.

## אוניווערסאלע קדושה

אוניווערסאלע קדושה באדייט אלע פארמען פון קדושה צוזאמען.

אוניווערסאלע קדושה באציט זיך צו די העלדישע קעמפער אין די געטאס, ווייל זייערע העלדישע טעטיגקייטן זענען געקומען צום אויסדרוק אין אלע פארמען פון קדושה, וואס דארפן באצייכנט ווערן אין צוויי קאמפלעקסן:

1. גייסטיגע קדושה; און

2. פיזישע קדושה.

ביז יעצט זענען אויסגערעכנט געווארן די פארמען פון קדושה אלס רעליגיעזע, נאציאנאלע און מעטאפיזישע. דעריבער איז נויטיג אויך צו געבן דעם באגריף אוניווערסאלע קדושה.

אוניווערסאלע קדושה איז נאר מעגליך אין דעם פאל, אויב די געטא-אויפשטאנדן האבן געטראגן אן אינטערנאציאנאלן כאראקטער.

אין צענטער פון אלע ווידערשטאנדן אין די געטאס איז געווען דער ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. דעריבער זאלן די אנגעגעבענע פאקטן און עפיזאדן כאראקטעריזירן דעם אינטערנאציאנאלן כאראקטער פונעם געטא-קאמף אין דער הויפטשטאט אין פוילן.

אסובקא מאראווסקי, דער ערשטער פוילישער פרעמיער אינעם באפרייטן פוילן נאכן פאל פון דער היטלעריסטישער מאכט, האט דערקלערט אז דער ווארשאווער געטא-אויפשטאנד איז געווען "אומצווײדייטיג פארבונדן מיטן קאמף פונעם פוילישן פאלק". [49]

דר. יצחק שווארצבארד שרייבט אז אין ווארשאווער געטא "זענען געפאלן טויזנטער מענער און פרויען אינעם קאמף פארן כבוד פונעם אידישן פאלק און פאר דער אידעע פון פרייהייט פון פעלקער קעגן דעם שרעקליכן בארבאריזם, וואס דאס נאציסטישע דייטשלאנד האט ארגאניזירט און דורכגעפירט אינעם לעצטן קריג".[50]

דר. פיליפ פרידמאן באצייכנט דעם ווארשאווער געטא-אויפשטאנד אלס אן אידישע רעוואלוציע. ער דערקלערט: "די אידישע רעוואלוציע איז א וויכטיגע עטאפע אינעם פרייהייטס-קאמף פון די אייראפעאישע פעלקער קעגן דעם נאצי-אונטערדריקער."[51]

די געברענגטע ציטאטן באגרינדן דעם אינטערנאציאנאלן כאראקטער פונעם ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. דעריבער זענען די אומגעקומענע העלדן אינטערנאציאנאלע קדושים.

דער באגריף אוניווערסאלע קדושה איז אומצוטיילבאר אויף באזונדערע פארמען פון קדושה, ווייל עס איז דער אינהאלט פון אלע פארמען פון קדושה צוזאמען.

די אויפשטענדלער אין ווארשאווער געטא זענען געווען פון אלע פאלקס-שיכטן און ארגאניזירטע פאליטישע גרופירונגען, אנהויבנדיג פון די רעליגיעזע "עקיבא", אלע ציוניסטישע שטראמונגען, סאציאליסטישע און לינקע. די קאמפן האבן געטראגן אן אלגעמיינעם נאציאנאלן און אינטערנאציאנאלן כאראקטער. דעריבער איז דער אומקום פון די העלדישע קעמפער געהייליגט מיט אוניווערסאלער קדושה.

אוניווערסאלע קדושה איז א פרייוויליגע גייסטיגע און פיזישע אפפערונג פון א יחיד אדער א גרופע, וואס האט געקעמפט פארן כבוד פונעם אידישן פאלק און פאר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט.

## קאלאבאראטארן מיט דער נאצי-מאכט

## אויסנאמע

אין יעדן כלל איז דא א פרט. צום באדויערן איז א פאקט אז אין דער פינסטערער נאצי-עפאכע זענען אויך געווען אידישע דעגענעראטן, וואס זענען געווען אין דינסט פון דעם בלוטיגן שונא. די דעגענעראטן האבן פארראטן די אידישע פאלקס-אינטערעסן.

אין "פנקס מלאווע" איז דערקלערט: "אלס קאמענדאנט פון דער אידישער פאליציי האט די מאכט באקרינט שלום גומאצען, וואס איז געווארן דער שרעק פון געטא. ער האט מיט ליבע מיטגעארבעט מיט די דייטשן און אנגעטאן אידן גרויסע צרות. ער האט געמסרט אלץ וואס עס טוט זיך אין געטא. ער האט געהארגט און געשלאגן. ער האט מיט פארגעניגן דורכגעפירט די דייטשע גזירות. ער האט געהעצט קעגן די אידישע פארשטייער. ער מיט נאך אייניגע אויסווארפן האבן געמסרט ווער עס קומט אריין אין געטא אומלעגאל און פארלאנגט גרויסע סומען פאר לעגאליזירונג. ווען ער איז שפעטער אנגעקומען קיין אוישוויץ, האבן די מלאווער אידן זיך מיט אים אפגערעכנט און אים געהארגט."[52]

יאנאס טרוקאר שרייבט אז "פאליציאנטן האבן מיט כח אפגעריסן קינדער פון זייערע מאמעס בריסטן און זיי אוועקגעפירט".[54]

בערנארד גאלדשטיין דערקלערט: "די אידישע פאליציי, אונטער דער אנפירונג פון די נאצי-בעסטיעס, אוקראינער און לעטן, האט בלאקירט גאנצע הויפן און וואוינונגען, זיך אריינגעריסן אין די וואוינונגען, געזוכט, געשוויערט, ארויסגעשלעפט פון די באהעלטענישן ווען זיי האבן נאר געפונען און פארשלעפט צום אומשלאג-פלאץ."[55]

ב. מארק דערקלערט אז צו די קאלאבאראטארן האבן געהערט: "יודענראטן, פאליציי און די אידישע אייגנטימער, שותפים און דירעקטארן פון די שאפן".[56]

אין א גאנצער רייע געטאס האבן די קעמפער פון די קאמפס-ארגאניזאציעס אויסגעפירט טויט-אורטיילן איבער קאלאבאראטארן. די גרעסטע צאל קאלאבאראטארן זענען, נאכן

דערפילן זייער שענדליכע ראלע, דורך די נאציס אליין אומגעברענגט געווארן.

די אומגעקומענע קאלאבאראטארן האבן זיך מיט זייער טעטיגקייט געשטעלט מחוץ דער מחנה פונעם אידישן פאלק, און געהערן נישט צו קיין שום קלאסיפיקאציע פון די אויסגערעכנטע פארמען פון קדושה.

## משומדים

אין דער עפאכע פון דער נאצי-הערשאפט זענען משומדים געקומען אונטערן באגריף "איד".

דער באגריף "איד" איז פארמולירט געווארן אין די דייטשע "רייכסבירגער-געזעצן" פון 15 סעפטעמבער 1935. דער ערשטער הויפט-פונקט לויטעט: "א איד איז דער וועמענס אפשטאם איז פון ווייניגסטנס דריי דורות אידן." עס גייט ווייטער נאך א גאנצע סדרה דערקלערונגען וועגן מישלינגען, האלבע אידן און פערטל-אידן.

דער רעזולטאט פונעם געזעץ איז געווען אז משומדים זענען באטראכט געווארן פאר אידן און אריינגעשטויסן געווארן אין די געטאס.

די אידן אין די געטאס האבן זיך מיט אומצוטרוי באצויגן צו משומדים, ווייל די געשיכטליכע דערפארונג האט באוויזן אז גאר גרויסע צרות האבן אידן געליטן פון די וואס האבן פארלאזט די אידישע אמונה און געזוכט גליק און קאריערע אין דער קריסטליכער וועלט.

די משומדים זענען פארראטן געווארן פון זייערע קריסטליכע, ארישע פריינד און פארשטויסן געווארן פון אלעמען. נישט געקוקט דערויף האבן זיי זיך נישט געוואלט באטראכטן פאר אידן. עס קלינגט ווי א קוריאז, אבער עס איז א פאקט אז די משומדים אין ווארשאווער געטא האבן געהאט א קירכע אויף לעשנא-גאס, ביי דער קארמעליצקע. זייער אנפירער איז געווען דער משומד-גלח פודינג, וואס איז געווען באקאנט מיט זיינע אנטיסעמיטישע העצות פון פאר דער מלחמה.

די מערהייט משומדים האבן פיינט געהאט אידן און נישט געוואלט רעדן אידיש. זיי האבן זיך באטראכט אלס הערשנדע פאקטארן אין געטא און פארנומען הויכע אמטן אין דער פאליציי, און דערביי אנגעטאן גרויסע צרות די אידן.

די משומדים האבן אויסגענוצט די אמטן פאר פערזענליכע מאטעריעלע אינטערעסן און זעלבסטזיכערהייט, און דערביי געפירט א טעטיגקייט לטובת דער נאצי-מאכט און צום שאדן פון דער אידישער באפעלקערונג.

אין צוזאמענהאנג מיטן ווארשאווער געטא שרייבט יאנאס טרוקאר:

"דער הויפט-קאמענדאנט פון דער אידישער פאליציי איז געווען דער משומד און גרויסער אנטיסעמיט, דער פאלקאווניק שערינסקי. שערינסקי האט זיך באמיט

ארומצורינגלען אין דער פאליציי מיט וואס מער משומדים. דאס איז אים לייכט אנגעקומען, ווייל די פארקריפלטע נשמות האבן אין דער ניי געגרינדעטער 'אינסטיטוציע' דערזען פאר זיך א וועג צו קאריערע, א קוואל פון 'פרנסה' און א מעגליכקייט צו שטילן זייער מאכט-גיריגקייט."[57]

אין דער פארניכטונגס-עפאכע זענען די משומדים אומגעברענגט געווארן אלס די וואס קומען אונטערן באגריף "איד". נישט געקוקט דערויף, פון אידישן שטאנדפונקט קען זייער אומקום נישט באטראכט ווערן אלס קדושה, ווייל זיי האבן נישט געהערט צום אידישן פאלק, און דערצו האבן זיי זיך פיינטליך באצויגן צום אידנטום.

די משומדים האבן א גאנצע צייט געגלויבט אין חסד פון דער נאצי-מאכט, אז מיט זיי וועט גארנישט געשען, ווייל זיי זענען הערשנדע פאקטארן אין געטא.

דער אויסדרוק "מעטאפיזישע קדושה" מיינט פרייוויליגע אפפערונג אין גייסטיגן און פיזישן זין פאר דער צוגעבונדנקייט צום אידישן פאלק, דער אידישער אמונה, דעם קאמף פארן כבוד פון דער אידישער נאציע און פאר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט. ביי די משומדים זענען די דערשיינונגען נישט געקומען צום אויסדרוק. דערפאר האבן זיי מיט זייער אומקום גארנישט מקדש געווען.

## אלגעמיינע אויספירונגען

1. דאס אייראפעאישע אידנטום האט אפגעלעגט, אויף א כבוד'דיגן אופן, א היסטארישן עקזאמען פון אידישער עטיק אין דער נאצי-עפאכע. די אידישע עטיק, אלס רעזולטאט פון דער אידישער אמונה, נאציאנאלן באוואוסטזיין, אידישער טראדיציע און אידישער דערציונג, האט געדינט ווי א שוץ-פאנצער קעגן אלע דעמאראליזירנדע שטראמונגען פון דער נאצי-מאכט.

2. אלע אידן וואס זענען אומגעקומען אין דער נאצי-עפאכע צוליב זייער צוגעבונדנקייט צום אידישן פאלק און דער אידישער אמונה, זענען רעליגיעזע און נאציאנאלע קדושים.

3. אלע אידן וואס זענען אומגעקומען אין דער נאצי-עפאכע אלס גייסטיגע מנהיגים און פארטיידיקער פונעם אידישן פאלקס-כבוד, זענען מעטאפיזישע קדושים.

4. אלע אידן וואס זענען אומגעקומען אינעם העלדישן קאמף קעגן דער נאצי-מאכט אלס פרייהייטס-קעמפער, זענען אוניווערסאלע קדושים.

5. די אידן וואס האבן פארראטן דאס אידישע פאלק דורכן דינען דער נאצי-מאכט, און משומדים, זענען מענטשן מחוץ לגדר.

## ביבליאגראפיע פון די פארעפנטליכטע ארבעטן פון דר. בנימין ארענשטיין

די פאלגנדע פארקירצונגען זענען גענוצט געווארן צו באצייכענען דעם כאראקטער פון דער ארבעט:

א. - ארטיקל אדער אפהאנדלונג.

ב. - בוך אדער בראשור.

ל. - ליד.

ע. - עסיי.

פ. - פארשידנס.

ר. - רעצענזיע.

צו אידענטיפיצירן די פובליקאציע:

א.ו.ב. - "אונזערווארט", וואכנשריפט אין באמבערג, אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד.

א.ו.מ. - "אונזער ווארט", חודש-זשורנאל אין מאנטריאל, קאנאדע.

ד.א.ז.ט. - "דער אידישער זשורנאל", טאגצייטונג אין טאראנטא, קאנאדע.

ק.א.מ. - "קענעדער אדלער", טאגצייטונג אין מאנטריאל, קאנאדע.

אלע אנדערע זענען אנגעגעבן געווארן מיט די פולע באצייכענונגען.

## 1946

1. א. א פסח אונטער דער היטלעריסטישער טיראניע. א.ו.ב., אפריל 1946.

2. א. דער אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא. א.ו.ב., אפריל 1946.

3. א. 15 אפריל: די באפרייאונג אין בערגען בעלזען. א.ו.ב., אפריל 1946.

4. א. פרץ דער פאלקס-שרייבער. א.ו.ב., אפריל 1946.

5. א. אידן אין קאמף פאר א פריי פוילן. א.ו.ב., אפריל 1946.

6. א. דער נײַנטער מאי. א.ו.ב., מאי 3, 1946.

7. א. ל"ג בעומר. א.ו.ב., מאי 1946.

8. פ. צוזאמענטרעף פונעם פארטיזאנער פארבאנד "פח"ח" אין לייפהיים. א.ו.ב., מאי 17, 1946.

9. א. שבועות. א.ו.ב., יוני 4, 1946.

10. א. די געשיכטע פון דער אידישער סינאגאגע אין באמבערג. א.ו.ב., יוני 28, 1946.

11-19. א. אידישע פרייהייט-קעמפער. (סדרה פון 9 ארטיקלען.) א.ו.ב., יוני, אויגוסט, סעפטעמבער 1946. 20. א. די ערשטע אידן אין מינכן. "לאנדסבערגער לאגער צייטונג", לאנדסבערג, סעפטעמבער 1946. א. "היים", לייפהיים, נומ. 22, סעפטעמבער 1946.

21. פ. צווייטע לאנד-קאנפערענץ פון דער הסתדרות ציונית אחידה אין פראנקפורט. א.ו.ב., סעפטעמבער 24, 1946.

## 1947

22. א. וואס איז אונז קאפא? "אידישע צייטונג", לאנדסבערג, 1947.

23. א. פורים. א.ו.ב., מערץ 7, 1947.

24. פ. ארויסצוגן פון היסטארישע דאקומענטן. א.ו.ב., מערץ 7, 1947.

25. א. פסח אין דער געשיכטע פון דער שטאט קעשינעוו. א.ו.ב., 4-11 אפריל 1947.

26. א. שלילת דעם גאנג פון דורות. א.ו.ב., פסח 1947.

27. א. ל"ג בעומר. א.ו.ב., מאי 1947.

28. פ. שוואבאך. א.ו.ב., מאי 1947.

29. א. י"ד אייר, דער יארטאג פון יציאת קאצעט. א.ו.ב., מאי 1947.

30. א. קעשינעוו. "אידישע בילדער", חודש-זשורנאל, מינכן, נומ. 6, יוני 1947.

31. א. די געשיכטע פון אידישן ווילצבורג. א.ו.ב., יוני 1947.

## 1948

32. א. בערנארד קורלאנד. "איבערגאנג", וואכנשריפט, מינכן, נומ. 11 (61), מערץ 26, 1948.

33. א. פראפעסאר פייוול פלאקסין. "ווידערשטאנד", חודש-זשורנאל, מינכן, אפריל, נומ. 4, 1948.

34. א. דער בריוו. "ווידערשטאנד", חודש-זשורנאל, מינכן, נומ. 6, יוני 1948.

35. א. גראנאטן-פראדוקציע אין קליינעם טשענסטאכאווער געטא. "ווידערשטאנד", חודש-זשורנאל, מינכן, נומ. 5, מאי 1948.

36. א. וואס איז אונז קאפא? "אידישע צייטונג", לאנדסבערג, 1948.

37. א. דער אומקום פון אטוואצקער, פאלעניצער און קארטשעווער אידנטום. "איבערגאנג", מינכן, נומ. 25 (75), אויגוסט 20, 1948.

38. א. דאס אמאליגע אידישע לעבן אין ווארשע. "דער ווארשעווער לאנדסמאן", איינמאליגע ארויסגאבע פונעם קאמיטעט פון ווארשעווער אידן אין באמבערג, באמבערג, 1948.

39. ב. חורבן טשענסטאכאו. (אין לאטיינישער טראנסקריפציע.) ארויסגעגעבן דורך דער צענטראל-פארוואלטונג פון די טשענסטאכאווער לאנדסמאנשאפטן אין דער אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד. באמבערג-מינכן, 1948, 463 זייטן.

40. ב. ווירקלעכקייט. ארויסגעגעבן דורך דער ליטעראריש-היסטארישער ביורא אין דער אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד. באמבערג, 1948, 185 זייטן.

41. ב. חורבן אטוואצק, פאלעניץ און קארטשעוו. ארויסגעגעבן דורך דער פארוואלטונג פון דער אטוואצקער, פאלעניצער, קארטשעווער לאנדסמאנשאפט אין דער אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד. באמבערג, 1948, 88 זייטן.

42. א. אונזער יארצייט. זייט 1.

43. א. דאס אמאליגע לעבן אין טשענסטאכאו. זייטן 11-15.

44. א. די ליקווידאציע פונעם קליינעם טשענסטאכאווער געטא. זייט 2.

45. ר. א שטאט גייט אונטער. זייט 25.

46. ל. ברית. (פאעמע.) זייטן 6-7.

47. א. געשטאלטן פון דער אונטערגרונט-באוועגונג. זייטן 19-21.

48. ל. טרויעריק. (ליד.) זייט 21.

49. א. גראנאטן-פראדוקציע אינעם קליינעם טשענסטאכאווער געטא. זייטן 22-23.

50. ל. צום יארטאג. (ליד.) זייט 23.

51. א. געטא געדיכט. (ליד.) זייט 23.

אלע 10 ארבעטן זענען פארעפנטליכט געווארן אין דער איינמאליגער ארויסגאבע "אונזער יארצייט", ארויסגעגעבן פון דער צענטראל-פארוואלטונג פון טשענסטאכאווער לאנדסמאנשאפט אין דער אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד. באמבערג, 1948.

## 1949

52. א. די אונטערגרונט-באוועגונג אין טשענסטאכאו. (ערשטער ארטיקל.) ק.א.מ., פרייטיג, יוני 17, 1949.

53. א. די אונטערגרונט-באוועגונג אין טשענסטאכאו. (צווייטער ארטיקל.) ק.א.מ., זונטיג, יוני 19, 1949.

54. פּ. א בריוו אין רעדאקציע. "ניו יארקער וואכנבלאט", פרייטיג, פעברואר 25, 1949.

55. א. דער אומקום פון אטוואצקער, פאלעניצער און קארטשעווער אידנטום. ק.א.מ., פרייטיג, סעפטעמבער 23, 1949.

56. פּ. וועגן דעם ארטיקל "די פינצטערע יארן אין דער געטא אטוואצק" (פאלעמיק). "מארגן פרייהייט", ניו יארק, פרייטיג, סעפטעמבער 30, 1949.

57. ר. בלעטער פאר געשיכטע. (באנד 1, העפט 4-3.) ק.א.מ., מאנטיג, נאוועמבער 21, 1949.

58. א. דער לעצטער חנוכה אין אטוואצקער געטא. ק.א.מ., דאנערשטיג, דעצעמבער 22, 1959.

59. ב. דער אומקום און ווידערשטאנד פון א אידישער שטאט. (ארויסגאבע געוואוידמעט צום זיבעטן יארטאג פונעם אומקום און ווידערשטאנד פון טשענסטאכאווער אידנטום.) מאנטריאל, קאנאדע, 1949, 18 זייטן.

## 1950

60. א. די באפרייאונג פון שארית-טשענסטאכאו. "וואכנבלאט", טאראנטא, יאנואר 12, 1950.

61. פּ. ארײנפיר צו חיים בריטוואלד'ס ארטיקל "פורים 1943 אין דער קליינער טשענסטאכאווער געטא". ק.א.מ., פרייטיג, מערץ 3, 1960.

62. א. דער ווידערשטאנד און ליקווידאציע פון דער קליינער טשענסטאכאווער געטא. ק.א.מ., פרייטיג, יוני 23, 1950.

63. א. יארצייטן פון דריי אידישע קהילות אין פוילן: אטוואצק, פאלעניץ און קארטשעוו. "דער טאג", ניו יארק, מיטוואך, אויגוסט 23, 1950.

64. ר. בלעטער פאר געשיכטע. (וועגן באנד 2, העפטן 4-1.) ק.א.מ., סעפטעמבער 4, 1950.

65. א. ראש השנה 1939 ביי א אידישן פריץ. ק.א.מ., מאנטיג, סעפטעמבער 11, 1950.

66. ר. דר. פיליפ פרידמאַן'ס בוך "אוישוויצענטויט". ק.א.מ., אָקטאָבער 9, 1950.

67. א. קלאַרא שטוגאַלאַרט. (ערשטער אַרטיקל.) ק.א.מ., דאָנערשטיק, אָקטאָבער 12, 1950.

68. א. קלאַרא שטוגאַלאַרט. (צווייטער אַרטיקל.) ק.א.מ., פרייטיק, אָקטאָבער 13, 1950.

69. ר. אינזשעניר משה געלדמאַן'ס בוך "חורבן קאָרעץ". ק.א.מ., מאָנטיק, אָקטאָבער 23, 1950.

70. ר. לענאַ קיכלער'ס בוך "מיינע קינדער". ק.א.מ., מאָנטיק, נאָוועמבער 27, 1950.

71. ר. דוד מאַרקיש'ס בוך "חורבן דינאָוו, סאַניק - דיבעצק". ק.א.מ., מאָנטיק, דעצעמבער 11, 1950.

72. פּ. "איד, בענט איד, טרינקט א גלאָז קאַרטן סאַק". ק.א.מ., מיטוואָך, דעצעמבער 20, 1950.

## 1951

73. ר. אסתר ראָם-מעלצער'ס בוך "אין די נעגל פון אומקום". ק.א.מ., מאָנטיק, יאַנואַר 1, 1951.

74. ע. די ערשטע פּאָזע פונעם וואַרשאַווער געטאָ-אויפשטאַנד. ק.א.מ., יאַנואַר 4, 1951.

75. פּ. ווייס-בלויע פאָן. ק.א.מ., דינסטיק, יאַנואַר 9, 1951.

76. ר. בלעטער פאַר געשיכטע. (וועגן באַנד 3, העפטן 1-2.) ק.א.מ., מיטוואָך, יאַנואַר 17, 1951.

77. ר. יעקב כהן'ס בוך "אויף די וואָגן פון אידישן קיום". ק.א.מ., מאָנטיק, יאַנואַר 22, 1951.

78. א. ניר-העללאָס. ק.א.מ., זונטיק, פעברואַר 11, 1951.

79. ר. גראַיעווער יזכור-בוך. ק.א.מ., מאָנטיק, פעברואַר 12, 1951.

80. א. דער קאָנצענטראַציע-לאַגער ווילצבורג. ק.א.מ., דינסטיק, מערץ 20, 1951.

81. ר. לוי שאַליט'ס בוך "אַזוי זענען מיר געשטאָרבן". ק.א.מ., מאָנטיק, אַפּריל 16, 1951.

82. ע. די גרויסע פּאָזע פונעם וואַרשאַווער געטאָ-אויפשטאַנד. (צום אַכטן יאָרטאָג.) ק.א.מ., פרייטיק, אַפּריל 20, 1951.

82. ר. א. אידעס' בוך "מענטשן פון געטאָ". ק.א.מ., מאָנטיק, מאַי 14, 1951.

84. ר. דאס בוך פון באלייכטונג. (וועגן "פנקס מלאווע".) ק.א.מ., מאנטיג, מאי 28, 1951.

85. ר. יעקב פאט'ס בוך "הענט". ק.א.מ., מאנטיג, יוני 18, 1951.

86. א. ראש השנה 1943-44 אין קאנצענטראציע-לאגער "האסאג-פעלצער". ק.א.מ., מיטוואך, אקטאבער 24, 1951.

87. פ. דער ייאוש אין ליכט פון היסטארישע דאקומענטן. ק.א.מ., דאנערשטיג, נאוועמבער 1, 1951.

88. ע. יצחק ליבוש פרץ. ק.א.מ., זונטיג, נאוועמבער 4, 1951.

89. ר. דאס בוך פון קדושה. (וועגן דוד בן גוריון'ס בוך "ישראל אין קריג".) ק.א.מ., נאוועמבער 8, 1951.

90. א. א פארטיזאן, אליהו הנביא אדער א למד-וואו'ניק. ק.א.מ., דאנערשטיג, נאוועמבער 29, 1951.

91. ר. וועגן מירל ערדבערג-וואטש'ס בוך "ניט פון קיין פרייד". ק.א.מ., דעצעמבער 3, 1951.

92. ע. פראפ. שמעון דובנאוו ז"ל. (צום צענטן יארטאג, 1941-1951.) ק.א.מ., דעצעמבער 17, 1951.

## 1952

93. ע. צום 25סטן יארצייט פונעם דיכטער יהואש. ק.א.מ., דינסטיג, יאנואר 2, 1952.

94. א. מרדכי מנדל, בעל תשובה. ק.א.מ., דינסטיג, יאנואר 29, 1952.

95. א. עפיזאדן פון קאנצענטראציע-לאגער. ק.א.מ., מאנטיג, פעברואר 11, 1952.

96. פ. פסח 1947 מיט פארטיזאנער, זעלנער און חלוצים. ק.א.מ., פסח-ארויסגאבע, מיטוואך, אפריל 9, 1952.

97. א. כעלם און אומגעגנט. ק.א.מ., מאנטיג, יוני 23, 1952.

98. א. לאלטק מאקאטאוו. ק.א.מ., זונטיג, יולי 6, 1952.

99. א. צעלינא סטאמבארקא. ק.א.מ., דינסטיג, אויגוסט 25, 1952.

100. א. ר' יחיאל מאיר זאלבערג. ק.א.מ., מאנטיג, סעפטעמבער 8, 1952.

101. ר. פראבלעמען פון דער נאצי-עפאכע. (שמוגל האנדל.) ק.א.מ., פרייטיג, סעפטעמבער 12, 1952.

102. ר. אין די ארומס פון טויט. ק.א.מ., מאנטיג, סעפטעמבער 15, 1952.

103. א. ראש השנה 1942 אין לאגער קארטשעוו. ק.א.מ., פרייטיג, סעפטעמבער 19, 1952.

104. א. פראבלעמען פון דער נייערער געשיכטס-פארשונג. ק.א.מ., דאנערשטיג, אקטאבער 2, 1952.

105. א. יאראסלאוו ווארכאליצקי. ק.א.מ., מאנטיג, אקטאבער 20, 1952.

106. פ. די פילאזאפיע פון בוכפירונג. (אלעגאריע.) ק.א.מ., דאנערשטיג, נאוועמבער 6, 1952.

107. ע. עדית שטיין. ק.א.מ., דינסטיג, דעצעמבער 30, 1952.

## 1953

108. פ. באמערקונגען וועגן דעם ארטיקל "סאציאליזם אין די הענט פון אירע פארווירקלעכער". (א פאלעמיק מיט אליעזר מ. פריד.) ק.א.מ., דאנערשטיג, פעברואר 19, 1953.

109. א. ישראל יוסף קוטנער. ק.א.מ., פרייטיג, מערץ 6, 1953.

110. ע. קאמוניסטישע יודאסארבעט. ק.א.מ., זונטיג, מערץ 8, 1953.

111. א. דער לעצטער פסח אין יאר 1942 אין א שפיטאל אין אטוואצק. ק.א.מ., מאנטיג, מערץ 30, 1953.

112. א. ווען גענעראל אייזנהאוער איז געווען צו גאסט אין א שול פון געראטעוועטע אידן. ק.א.מ., ראש השנה-נומער, סעפטעמבער 9, 1953.

ראש השנה און יום כפור אין דעם די.פי.-לאגער פעלדאפינג. ד.א.ז.ט., ראש השנה-נומער, מיטוואך, סעפטעמבער 9, 1953.

אייזנהאוער אין א די.פי.-שול ימים נוראים. "אמעריקאנער", ראש השנה-נומער, ניו יארק, סעפטעמבער 9, 1953.

Rosh Hashonah At Feldafing, D.P. Camp In Germany, With General Eisenhower As Guest. Canadian Jewish Review. Rosh Hashonah Issue, Montreal-Toronto, August 31, 1956, pages 10, 97 and 98. This essay was also published in "Dos Yiddishe Wort" in Winnipeg, Rosh Hashonah Issue, English Section, 1955.

113. ר. חורבן און ווידערשטאנד פון טשענסטאכאווער אידנטום. וועגן ל. ברענער'ס בוך "ווידערשטאנד און אומקום פון טשענסטאכאווער אידנטום". "ייווא בלעטער", באנד 37 (די תקופה פונעם לעצטן חורבן), ניו יארק, 1953, זייטן 301-306.

## 1954

114. פּ. כבד את אביך ואת אמך. ק.א.מ., יאנואר 6, 1954.

115. ל. ר' יחיאל. (ליד.) ד.א.ז.ט., דאנערשטיג, מערץ 18, 1954. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, אפּריל 1954.

116. פּ. די איינשטעלונג פונעם אידישן וויסנשאפטליכן אינסטיטוט אין מאנטריאל. ק.א.מ., מיטוואך, מערץ 24, 1954.

117. ע. דער אייגנארטיגער כאראקטער פונעם ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. ק.א.מ., מערץ 29, 1954.

118. פּ. פראנצויזיש-אידישע פריינטשאפטס-קאנפערענץ אין מאנטריאל-אוניווערסיטעט. ק.א.מ., זונטיג, אפּריל 4, 1954.

119. א. אננא ווארשאווסקא ביים קאלעקטיוון סדר אין באמבערג אין יאר 1947. "דער אידישער זשורנאל", טאראנטא, פרייטיג, אפּריל 9, 1954. "קענעדער אדלער", מאנטריאל, פרייטיג, אפּריל 16, 1954.

120. ע. דער אייגנארטיגער כאראקטער פונעם ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. ד.א.ז.ט., פרייטיג, אפּריל 16, 1954.

121. ר. מארטירער און קעמפער. (וועגן דר. פיליפּ פרידמאן'ס בוך.) ק.א.מ., מאנטיג, אפּריל 26, 1954. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, נומער 5, מאי 1954. ד.א.ז.ט., טאראנטא, מאי 2, 1954.

122. פּ. הערש ריזלער ע"ה, דער פאלקס-מענטש. ק.א.מ., מאנטיג, אפּריל 26, 1954.

123. פּ. די העלדישע פאזע פונעם ווארשאווער געטא-אויפשטאנד. "די צוואה", ארויסגאבע פון פארבאנד פון ווארשעווער אידן און אומגעגנט אין מאנטריאל, מאי 2, 1954.

124. ר. אין א וועלט פון קלאנגען. (וועגן אידע מאזע'ס בוך "וואקסן מיינע קינדערלעך".) ד.א.ז.ט., יוני 23, 1954.

וואקסן מיינע קינדערלעך. ק.א.מ., מאנטיג, יולי 19, 1954.

אידע מאזע'ס קינדער-לידער. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, יוני 1, 1954.

125. ר. די תקופה פונעם לעצטן חורבן. ד.א.ז.ט., דינסטיג, יוני 15, 1945. ק.א.מ., יולי 12, 1954.

126. א. די גייסטיגע ווינטן אין פוילן. ד.א.ז.ט., מיטוואך, יולי 7, 1954.

127. א. רעדאקטער ישראל ראבינאוויטש א בן שבעים. ד.א.ז.ט., מאנטיג, יולי 19, 1954.

128. א. א געפונענער אידישער דאקטער. "אמעריקאנער", ניו יארק, יולי 23, 1954.

129. פ. קולטור-פראבלעמען. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, סעפטעמבער 1, 1954.

130. א. דער לעצטער ראש השנה אין אטוואצקער געטא. פארעפנטליכט געווארן אין די ראש השנה-ארויסגאבעס: "אמעריקאנער", ניו יארק, וואכנשריפט, סעפטעמבער 24, 1954. ק.א.מ., סעפטעמבער 27, 1954. ד.א.ז.ט., טאראנטא, סעפטעמבער 27, 1954.

131. פ. פעלשער פון געשיכטע. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, אקטאבער 1, 1954.

132. פ. יום כפור 1939 אין דער בוקאווינער שטאט קימפאלונג. ק.א.מ., אקטאבער 8, 1954.

133. ע. סאציאלע פראבלעמען ביי דר. הערצל. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, נאוועמבער 1, 1954. ק.א.מ., פרייטיג, נאוועמבער 5, 1954.

134. ע. כעלם און אומגעגנט. "יזכור-בוך כעלם", ארויסגאבע פון דער כעלמער לאנדסמאנשאפט אין יאהאנעסבורג, דרום אפריקע, יאהאנעסבורג, 1954, זייטן 457-464.

## 1955

135. פ. פייערונג פונעם נאציאנאלן ארבעטער-פארבאנד לכבוד דעם 60-יעריגן יובילײ פון ישראל מרים. ק.א.מ., דינסטיג, פעברואר 8, 1955.

136. ע. די לעגענדע יוסף לעוואנדאווסקי. ק.א.מ., מיטוואך, אפריל 6, 1955. ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, סעפטעמבער 1955.

137. א. ראש השנה אין אטוואצקער געטא. "אמעריקאנער", וואכנשריפט, ניו יארק, סעפטעמבער 16, 1955.

138. א. אסתר'ל הויבט אן צו זאגן קדיש אין ראש השנה. ק.א.מ., ראש השנה-ארויסגאבע, פרייטיג, סעפטעמבער 16, 1955.

139. ר. א קינדהייט פון טרויער און נויט - א יוגנט פון פרייד און קאמף. "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, אקטאבער 16, 1955. ק.א.מ., מאנטיג, נאוועמבער 7, 1955. (וועגן ש. בארנטשוק'ס בוך "ווי עס געדענקט זיך".)

140. ר. יזכור-בוך כעלם. ד.א.ז.ט., דאנערשטיג, נאוועמבער 17, 1955.

141. א. דער פאלקלאריסטישער אספעקט אין שרה האמער-זשאקלין'ס שאפונגען. (וועגן די צוויי ביכער: 1. "לעבנס און געשטאלטן" און 2. "שטאמען און צווייגן".) "דער

אידישער זשורנאל", טאראנטא, דעצעמבער 23, 1955.

142. ב. כבוד די געפאלענע העלדן אין ווארשאווער געטא. ארויסגעגעבן דורכן פארבאנד פון ווארשעווער אידן און אומגעגנט אין מאנטריאל. מאנטריאל, 1955, 8 זייטן.

143. ל. הימן פון דער רוסיש-פוילישער סאסייעטי. (ליד.) זייט 4.

144. ע. דער אומקום פון פוילישן אידנטום. זייטן 22-19.

145. ע. ענגלישע זייט:

Tre Annihilation of tre Jews in Poland. Pages 19-22.
אלע דריי ארבעטן זענען פארעפנטליכט געווארן אינעם סאוועניר-בוך פון דער רוסיש-פוילישער סאסייעטי אין מאנטריאל. מאנטריאל, 1955.

## 1956

146. פ. א טאג ארבעט פון אן עקזעקוטיוון דירעקטאר. ד.א.ז.ט., זונטיג, יאנואר 22, 1956.

147. א. פסח אין קאנצענטראציע-לאגער. "דער אמעריקאנער", וואכנשריפט, פסח-ארויסגאבע, ניו יארק, מערץ 23, 1956.

148. א. פסח 1945 אין קאנצענטראציע-לאגער "דארא". ק.א.מ., פסח-ארויסגאבע, מאנטיג, מערץ 26, 1956. ד.א.ז.ט., פסח-ארויסגאבע, מאנטיג, מערץ 26, 1956.

149. א. חורבן זאמאשטש. ק.א.מ., זונטיג, אפריל 8, 1956.

150. פ. צום צוואנציג-יעריגן יובל פון זשיטלאווסקי-צווייג. "דאס ווארט", חודש-שריפט, מאנטריאל, אפריל 1, 1956.

151. פ. פייערליכער באנקעט לכבוד דעם 20-יעריגן יובל פון זשיטלאווסקי-צווייג. "דאס ווארט", חודש-שריפט, מאנטריאל, מאי 1, 1956.

152. א. ראש השנה 1945 מיט דער שארית הפליטה אין דער דייטשער שטאט באמבערג. ק.א.מ., ראש השנה-ארויסגאבע, מיטוואך, סעפטעמבער 5, 1956.

153. ע. דר. יעקב שאצקי'ס בייטראג צו דער געשיכטע פון פוילישן אידנטום. ד.א.ז.ט., מאנטיג, אקטאבער 8, 1956.

154. א. דער לעצטער חנוכה אין אטוואצקער געטא. "יום טוב בלעטער", חנוכה-ארויסגאבע, יאהאנעסבורג, נומער 6, 1956, זייטן 5-4.

## 1957

155. ע. צי איז יצחק ליבוש פרץ געווען א רעליגיעזער איד? ד.א.ז.ט., אפריל 18, 1957.

156. ע. יאהאנעסבורגער יום טוב בלעטער. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, פסח-ארויסגאבע, נומ. 7, 1957, זייט 13. ק.א.מ., 1957.

157. ע. יהואש. (צום דרייסיגסטן יארצייט.) "דאס ווארט", חודש-זשורנאל, מאנטריאל, מאי 15, 1957. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 9, 1957, זייט 17.

158. א. 50 יאר רוסיש-פוילישע סאסייעטי. ק.א.מ., יוני 9, 1957.

159. א. 50 יאר רוסיש-פוילישע סאסייעטי אין מאנטריאל. זייטן 265-273. גאלדן-יובליי-בוך פון דער רוסיש-פוילישער היברו סיק בעניפיט סאסייעטי. מאנטריאל, 1957.

160. א.

Fifty Years Russian Polish Hebrew Sick Benefit Association in Montreal, pages 9-15.

161. ע.

A Short Survey of the History of Jews in Poland and Russia until the Second World War. Pages 29-61.

162. ע.

The Annihilation of Polish Jewry. Pages 90-169.

163. א.

Ambulance for Kupat Holim. Pages 183-186. The five works: four in English and one in Yiddish, published in the Golden Jubilee Souvenir Book, Publication of the Russian Polish Hebrew Sick Benefit Association. Montreal 1957.

164. א. ראש השנה ביי טריטש-חסידים. ק.א.מ., ראש השנה-ארויסגאבע, סעפטעמבער 25, 1957.

165. ר. דער פאלקלאריסטישער אספעקט אין בוך ביי די טייכן ווארטע און איסט-ריווער. (וועגן רפאל פעדערמאן'ס בוך.) ק.א.מ., 1957.

## 1958

166. א. פסח 1942 אין סיביר. ק.א.מ., פסח-ארויסגאבע, פרייטיג, אפריל 4, 1958.

167. א. א גאס אין ווארשע. (צום 15טן יארצייט פונעם ווארשעווער געטא-אויפשטאנד.) ק.א.מ., אפריל 14, 1958.

168. ר. שטורעם געוויקסן. (וועגן מרדכי סארנאי'ס בוך "שטורעם געוויקסן".) ק.א.מ., מאנטיג, סעפטעמבער 1, 1958.

169. פּ. ימים נוראים אין לאגער פאושירינעק. ק.א.מ., ראש השנה-נומער, סעפטעמבער 12, 1958.

170. א. דר. פיליפ פרידמאן - צו זיין באזוך אין מאנטריאל. ק.א.מ., אקטאבער 2, 1958.

171. א. צום 16טן יארצייט פונעם חורבן טשענסטאכאו. "פארווערטס", ניו יארק, נאוועמבער 4, 1958.

172. ע. טשענסטאכאווער אידן אין דער נאצי-עפּאכע. זייטן 39-46.

173. א. די טשענסטאכאווער לאנדסלייט אין די די-פּי קעמפּס אין דייטשלאנד. זייטן 62-66.

174. פּ. טשענסטאכאווער פאלקלאר אין דער נאצי-צייט. זייטן 66-67.

175. ע. דר. יעקב שאצקי'ס בייטראג צו דער געשיכטע פון די אידן אין טשענסטאכאו. זייטן 137-138.

176. פּ. טשענסטאכאווער אין קאנאדע. די טעטיגקייט פון דער טשענסטאכאווער לאנדסמאנשאפט אין מאנטריאל. זייטן 243-246.

אלע פינף ארבעטן זענען פארעפנטליכט געווארן אינעם בוך "טשענסטאכאו", ארויסגעגעבן דורכן פאראייניגטן טשענסטאכאווער רעליף-קאמיטעט אין ניו יארק. ניו יארק, 1958.

177. ל. טשענסטאכאו. (ליד.) זייט 3.

178. ל. אין דעם קליינעם געטא. (ליד.) זייט 17.

179. א. דער היסטארישער אספעקט פון דער אונטערגרונט-באוועגונג אין טשענסטאכאו. זייטן 21-24.

אלע דריי ארבעטן זענען פארעפנטליכט געווארן אין דער בראשור "בלעטער פון אומקום און קאמף", רעדאגירט און ארויסגעגעבן דורכן קאמיטעט פון טשענסטאכאווער לאנדסלייט אין מאנטריאל. מאנטריאל, 1958. (די ארויסגאבע איז געווידמעט געווארן דעם 16טן יארטאג פון אומקום און ווידערשטאנד פון טשענסטאכאווער אידנטום.)

## 1959

180. א. 15 יאר ישיבת "מאור הגולה". ק.א.מ., מיטוואך, יאנואר 7, 1959.

181. ע. באציאונגען צווישן פעלקער. (וועגן דר. פיליפ פרידמאן'ס בוך "זייערע בראדערס קיפערס".) ק.א.מ., מאנטיג, מערץ 23, 1959.

182. ר. הערש טישלער דער מאמין. (וועגן בוך "ערנסטער שפאס".) ק.א.מ. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 17, 1959, זייט 20.

183. ע. משה מענדעלסאן (1729-1959, צום 230טן געבורטסטאג). ק.א.מ., מיטוואך, אקטאבער 14, 1959.

184. ע. שלום עליכם אין סאוויעט-רוסלאנד. ק.א.מ., נומ. 265, נאוועמבער 16, 1959.

## 1960

185. ע. דר. פיליפ פרידמאן ז"ל. (צו די שלושים.) ק.א.מ., מערץ 7, 1960.

186. ע. דער פאלקס-כאראקטער פונעם ווארשעווער געטא-אויפשטאנד. ק.א.מ., פרייטיג, אפריל 22, 1960.

187. ע. דער איינפלוס פון דר. הערצל אויפן לעבן און קאמף פון אידן אין די געטאס. ק.א.מ., דאנערשטיג, מאי 16, 1960.

188. ר. אויפן שיידוועג. (וועגן נאלדע גוטמאן-קרעמער'ס בוך "אויפן שיידוועג".) ק.א.מ., מאנטיג, יוני 6, 1960.

169. ע. מרדכי געבירטיג. ק.א.מ., מאנטיג, יולי 4, 1960.

190. ר. פסיכאלאגיע פון עמיגראנטן. (וועגן דר. אננא סטרונס בוך "ני פראבלעמס אין קריאיטיוו ריאריענטיישן".) ק.א.מ., מאנטיג, יוני 26, 1960. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 21, 1960, זייטן 23-24.

111. א. ראש השנה אין אטוואצקער געטא. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 21, 1960, זייטן 13-14.

192. ר. דאס לעבן און אומקום פון א גרויסן אידישן היסטאריקער. (וועגן פראפ. שמעון דובנאוו.) ק.א.מ., ראש השנה-נומער, מיטוואך, סעפטעמבער 21, 1960.

193. פ. רפאל פעדערמאן'ס אויפטו. (וועגן יזכור רעקארד.) ק.א.מ., מאנטיג, סעפטעמבער 26, 1960.

194. ע. דר. פיליפ פרידמאן - היסטאריקער און אויפזאמלער פון דער חורבן-ליטעראטור. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, חנוכה-ארויסגאבע, נומ. 22, 1960,

זייטן 7-8. "וועלט זשורנאל", תל אביב, נומ. 9, אויגוסט 1, 1960, זייטן 13 און 18.

195. ל. דר. פיליפ פרידמאן. (ליד.) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, חנוכה-ארויסגאבע, נומ. 22, 1960, זייט 6.

## 1961

196. פ. הונדערט דרייסיג טויזנט דאלאר דאניישן פון "קלוב 1939" פאר דעם יתומים-הויז אין יד אליהו, לעבן תל אביב. ק.א.מ., פרייטיג, יאנואר 6, 1961.

197. ע. דר. פיליפ פרידמאן - הויפט-פארשער פון דער חורבן-עפאכע. (צום ערשטן יארצייט.) ק.א.מ., נומ. 20, יאנואר 23, 1961.

198. א. א דאטום וואס דארף פארצייכנט ווערן. (צום פינפטן יובילייַ פון די יום טוב בלעטער.) ק.א.מ., נומ. 50, פעברואר 27, 1961.

199. ר. די געשיכטע-פארשונג וועגן דער חורבן-עפאכע. (וועגן גייד טו דזשויש היסטארי.) ק.א.מ., מערץ 13, 1961.

200. ע. די עפאכע פונעם ווארשעווער געטא-אויפשטאנד. ק.א.מ., מערץ 29, 1961.

201. ע. אידישע קדושה און גבורה אין דער נאצי-צייט. ק.א.מ., מיטוואך, מערץ 29, 1961.

202. ע. שבח ליכט. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, פסח-ארויסגאבע, נומער 23, 1961, זייטן 9-10. "וועלט זשורנאל", תל אביב, נומ. 12, נאוועמבער 1, 1961.

203. ר. זאל דאס אידישע ווארט אנהאלטן אייביק. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, פסח-ארויסגאבע, נומ. 23, 1961, זייט 21.

204. ע. די באוואוסטע פאקטן וועגן נאצי-מערדער-שטראף. ק.א.מ., דאנערשטיג, מאי 11, 1961.

205. ר. ווי לאנג נאך? (וועגן דר. סאלאמאן גרייזעל'ס בוך "ני היסטארי אוו דהע דזשואיש פיפעל פראם 1900 טו דהע פרעזענט".) ק.א.מ., דינסטיג, מאי 23, 1961.

206. ר. די פראבלעמען פון דער חורבן-עפאכע. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, שבועות-ארויסגאבע, נומ. 24, זייטן 6-7.

207. ל. צו דער אומגעקומענער שטאט. (ליד.) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, שבועות-ארויסגאבע, נומ. 24, 1961, זייט 13.

208. א. דר. יעקב שאצקי'ס לעבן און שאפן. (צום פינפטן יארצייט.) ק.א.מ., יוני 16, 1961.

209. ר. גליוונדיגער טרויער און קוואליקע פרייד. (וועגן רבקה קאפּט'ס בוך "א ניי לעבן".) ק.א.מ., יוני 29, 1961.

210. ע. צוויי גרויסע אידן. (דר. טעאדאר הערצל און חיים נחמן ביאליק.) ק.א.מ., מיטוואך, יולי 5, 1961.

211. ר. דערדרינגענדער רוף לייענען א בוך. (וועגן ראביי לעסלי ה. הארדמאַן'ס בוך "דהי סערווייוואָרס".) ק.א.מ., דאנערשטיג, יולי 20, 1961.

212. פ. די מאמע פון שאנקער געטא. (צו די שלושים פון פערל פּראקאש.) ק.א.מ., זונטיג, יולי 30, 1961.

213. פ. ימים נוראים אין די אפריקן. (וועגן וואלט ריבקאַט'ס בוך "אויף די פליגלען פון אפריקע".) ק.א.מ., ראש השנה-נומער, סעפּטעמבער 8, 1961.

214. ע. א פּראבלעם אין דער חומש-עפּאכע. (א פּסיכאלאגיש-היסטארישע פארשונג וועגן מאראנען.) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 25, 1961, זייטן 7-10.

215. ל. אין דעם קליינעם געטא. (ליד.) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 25, 1961, זייט 26.

216. א. יוסף אראנאף א בן שמונים. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, חנוכה-ארויסגאבע, נומ. 26, 1961, זייטן 10 און 11.

217. ל. באשערט. (ליד.) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, חנוכה-ארויסגאבע, נומ. 26, 1961, זייט 4.

## 1962

218. ע. אין אנדענק פון דר. פיליפּ פרידמאן. (צום צווייטן יארצייט.) ד.א.ז.ט., נומ. 16,786, יאנואר 30, 1962. "קענעדער אדלער", מאנטריאל, נומ. 29, פעברואר 2, 1962.

219. ב. דאס לעבן און שאפן פון דר. פיליפּ פרידמאן. ארויסגעגעבן פונעם אידישן קולטור-קלוב אין מאנטריאל. מאנטריאל, 1962, 54 זייטן.

220. ע. צום 19טן יארטאג פונעם געטא-אויפשטאנד אין ווארשע. ק.א.מ., ערשטע סעריע, זונטיג, אפּריל 29, 1962. צווייטע סעריע, דינסטיג, מאי 1, 1962.

221. פ. יציאת קאצעט. ק.א.מ., דינסטיג, מאי 15, 1962.

222. פ. ווי אזוי האט רעאגירט דער פארבאנד פון געוועזענע קאצעטלער וועגן דער הינריכטונג פון צורר היהודים אדאלף אייכמאן. ק.א.מ., מיטוואך, יוני 6, 1962.

223. א. צבי ראזענוויין. ק.א.מ., מיטוואך, מאי 30, 1962.

224. א. דער מחנך און בינע-קינסטלער משה זאמאר. "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, שבועות-ארויסגאבע, נומ. 28, 1962, זייטן 6-7.

225. פּ. קרימינאל ניט פארגעסן. ק.א.מ., מיטוואך, יוני 13, 1962.

226. ר. מענטשקעס. (וועגן רבקה קאפּט'ס בוך "שטערן אין מיין שויב".) "יום טוב בלעטער", יאהאנעסבורג, ראש השנה-ארויסגאבע, נומ. 29, 1962, זייטן 17-18.

227. ע. די לעבנס-געשיכטע פון צוויי שליחי ציבור. ק.א.מ., מיטוואך, אקטאבער 3, 1962.

228. א. אומקום און ווידערשטאנד פון טשענסטאכאווער אידנטום. ק.א.מ., דאנערשטיג, אקטאבער 25, 1962.

229. ע. לידער פון דער חומש-שטערמונג. (ליטעראַרישער עסיי וועגן משה דייטש'ס בוך "צום נאענטסטן שטערן אידיש". פארלאג י. ל. פרץ, תל אביב, 1959.) ק.א.מ., דינסטיג, נאוועמבער 27, 1962.

## 1963

230. פּ. בילדער-אויסשטעלונג וועגן די גרויליגע פארברעכנס פון די נאציס. ק.א.מ., מיטוואך, יאנואר 9, 1963.

231. ע. צום דריטן יארצייט פון דר. פיליפ פרידמאן. ק.א.מ., מאנטיג, יאנואר 14, 1963.

232. ע.

An Appreciation of a Great Historian. (Dr. Philip Friedman.) The Canadian Jewish Chronicle Montreal, January 25, 1963.

233. ע. דריי ביאגראפישע ביכער וועגן דער חורבן-עפּאכע. ק.א.מ., יאנואר 31, 1963. "אונזער קיום", פאריז, חודש-זשורנאל, מערץ 1963. "יום טוב בלעטער", פסח-נומער, 1963.

234. א. ווי אזוי די שארית הפליטה אין דייטשלאנד האט געפּראוועט סדרים. ק.א.מ., פסח-נומער, מאנטיג, אפּריל 8, 1963.

235. ע. דאס ווארשעווער אידנטום אין געדראנגל און אין קאמף. ק.א.מ., אפּריל 19, 1963.

236. ע. לידער וועגן דריטן חורבן. (וועגן רייזל זשיכלינסקי'ס בוך "שווייגנדיגע טירן".) ק.א.מ., מיטוואך, אפּריל 24, 1963.

237. ע. דער טשענסטאכאווער אדאלף אייכמאן. (סעריע פון 4 ארטיקלען.) ק.א.מ., דינסטיג, מיטוואך, דאנערשטיג, פרייטיג, מאי 7, 8, 9 און 10, 1963.

238. פּ. דער יום הזכרון פונעם קאַצעטלער-פאַרבאַנד. ק.א.מ., דינסטיק, מאַי 14, 1963.

239. ר. אַן אייגנאַרטיגער יובילײ-אַלבום פון אַן אייגנאַרטיקן זשורנאַל. (100 נומערן "פאָלקס-גערדאַנק".) ק.א.מ., דינסטיק, יוני 11, 1963.

240. ע. טײפן און געשטאַלטן פון אַן אומגעקומענער וועלט. (הרב יוסף פּראַקאַש זצ"ל.) ק.א.מ., ראש השנה-נומער, מיטוואָך, סעפּטעמבער 18, 1963.

241. ע. געשטאַלטן פון געפאַלענע העלדן פון דער טשענסטאָכאָווער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. "יום טוב בלעטער", ראש השנה-נומער, יאָהאַנעסבורג, נומ. 33, סעפּטעמבער 1963, זײַטן 8-7.

242. ע. פּינסק און אומגעגנט. ק.א.מ., זונטיק, אָקטאָבער 13, 1963.

243. ע. 21סטער יאָרצײַט פונעם אומקום פון טשענסטאָכאָווער אידן. ק.א.מ., מיטוואָך, אָקטאָבער 23, 1963.

244. ע. דער פאָלקלאָריסטישער אַספּעקט אין רפאל פעדערמאַן'ס בוך "בײַ די טײַכן וואַרטע און איסט ריווער". "יום טוב בלעטער", חנוכה-נומער, יאָהאַנעסבורג, נומ. 34, דעצעמבער 1963, זײַטן 7-6.

## 1964

245. ע. דער רעליגיעזער אַספּעקט בײַ דר. פּ. פרידמאַן. (צום פערטן יאָרצײַט.) ק.א.מ., פרײַטיק, פעברואַר 7, 1964.

246. א. פּסח 1942 אין געטאָ אַטוואַצק. (פּסח-אַרויסגאַבע.) ק.א.מ., פרײַטיק, מערץ 27, 1964.

247. ע. דערצײלונגען וועגן אַן אומגעקומענער וועלט. (וועגן שרה האַמער-זשאַקלין'ס צווײ ביכער: "לעבנס און געשטאַלטן" און "שטאַמען און צווײַגן".) "יום טוב בלעטער", פּסח-נומער, יאָהאַנעסבורג, נומ. 35, מערץ 1964, זײַטן 12-11.

248. ע. מיט 21 יאָר צוריק. (וועגן וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד.) ק.א.מ., מיטוואָך, אַפּריל 8, 1964.

249. ר. מיט א שמײכל אויף דער ערד. (וועגן הערש טישלער'ס בוך.) ק.א.מ., זונטיק, אַפּריל 19, 1964. "יום טוב בלעטער", שבועות-אַרויסגאַבע, נומ. 36, יאָהאַנעסבורג, מאַי 1964.

250. ב. סאָציאַלע פּראָבלעמען בײַ אידן אין דער נאַצי-עפּאָכע. אידישער קולטור-קלוב, מאָנטריאַל, 1964, 50 זײַטן.

252. ב. עטישע פראבלעמען ביי אידן אין דער נאצי-עפאכע. אידישער קולטור-קלוב, מאנטריאל, 1964, 42 זייטן.

252. ע. רעדאקטער ישראל ראבינאוויטש איז מער נישטא! "יום טוב בלעטער", שבועות-ארויסגאבע, נומ. 36, יאהאנעסבורג, מאי 1964.

253. ל. טשענסטאכאו.

254. פ. אריינפיר צו הרב בנימין באטשיקאווסקי'ס מעטעדות [לייענונג נישט זיכער].

255. פ. אריינפיר צו קאפל קאנארסקי'ס מעטעדות [לייענונג נישט זיכער].

256. ע. דער נאצי-רוצח דעגענהארדט.

257. ע. דער ווידערשטאנד-קאמף פון טשענסטאכאווער אידנטום קעגן דער נאצי-מאכט.

258. ע. דער עוואקואציע-טראנספארט פון "האסאג-פעלצערי" קיין דייטשלאנד.

259. א. א קאפיטל פון מיינע איבערלעבונגען אין טשענסטאכאו אין דער נאצי-צייט.

260. ע. ימים נוראים 1943-1944 אין קאנצענטראציע-לאגער "האסאג-פעלצערי" און די לעבנס-געשיכטע פון צוויי יונגע חזנים.

261. א. לייבקע יאקובאוויטש.

262. א. שלמה וואגא.

263. א. רפאל פעדערמאן.

264. א. צבי ראזענוויין.

265. א. דוד קאניעצפאלער.

266. ל. ברית.

267. ל. דאס קליינע געטא.

268. ל. באשערט.

269. ל. "האסאג".

270. ע. דר. פיליפ פרידמאן'ס בייטראג צו דער געשיכטע פון טשענסטאכאו.

271. ע. הרב פראקאש זצ"ל.

272. ע. יחזקאל סילווער (זילבערבערג) ע"ה.

373. א. אברהם ווייסקאפ ע"ה.

274. א. שלמה דילעווסקי ע"ה.

275. א. יוסף זילבערבערג ע"ה.

276. ע. אידע מאזע ע"ה.

277. א. רענא וואגא ע"ה.

2778. ע. די מאמע פון שאנקער געטא. (פערל פראקאש ע"ה.)

2779. ע. פעליציא וואגאס. (ווארצלאווסקי.) ע"ה.

280. פּ. אריינפיר צו דזשויש קליימס ארטיקל: "אין אנדענק פון מיינע, אויף קידוש השם אומגעקומענע, עלטערן".

די אויסגערעכנטע ארבעטן פון נומער 253 ביז 280, אריינגערעכנט, זענען פארעפנטליכט געווארן אינעם בוך "טשענסטאכאווער לאנדסלייט" אין מאנטריאל. מאנטריאל, 1964.

## מאטעריאל-קוועלער


1. דר. שמחה פיעטרושקא, "אידישע פאלקס-ענציקלאפעדיע". מאנטריאל, 1943. צווייטער באנד, זייט 477.

2. דר. י. העללער, "אידישער לעבנסשטייגער", אלגעמיינע ענציקלאפעדיע, באנד "אידן א." ניו יארק, 1950, זייטן 653-654.

3. די דזשואיש ענציקלאפעדיע. פונק און וואגנאל ארויסגאבע. ניו יארק און לאנדאן, 1906. באנד 5, זייט 245.

4. ברוך שפינאזא, "די עטיק" (איבערגעזעצט אויף אידיש דורך ח. נאטאנסאן). פארלאג "קולטור-ליגע",ווארשע, 1923, זייט 275.

5. בנימין ארענשטיין, "א פארטיזאן, אליהו הנביא, אדער א למד-וואו'ניק". "קענעדער אדלער", מאנטריאל, נום. 276, נאוועמבער 29, 1951.

6. פעטער קראפאטקין, "די עטיק" (איבערגעזעצט אויף אידיש דורך דר. י. א. מעריסאן). ניו יארק, 1924, זייט 62.

7. טשארלס דארווין, "די אפשטאמונג פון מענטשן" (איבערגעזעצט אויף אידיש דורך דר. י. א. מעריסאן). ניו יארק, 1923. באנד 1, זייטן 248-249.

8. פּ. צ. ארמסטראנג, "די עקאנאמיק און מאראליטעט". ניו יארק, 1951, זייט 5.

9. י. מעססנער, "סאשאל עטיקס". ניו יארק-לאנדאן, 1949, זייט 99.

10. רחל אויערבאך, "דער אידישער אויפשטאנד". ווארשע, 1948, זייט 22.

11. מארק עדעלמאן, "דאס געטא קעמפט". ניו יארק, 1946, זייט 65.

12. "אונזער צייט", מאי 1944.

13. דר. הלל זיידמאן, "טאגבוך פון ווארשאווער געטא". בוענאס איירעס, 1947, זייטן 166-167.

14. פראפ. פישל שניאורסאן, "די קאטאסטראפאלע צייטן און די וואקסנדע דורות". בערלין. (די דאטע איז נישט אנגעגעבן.) זייט 149.

15. פראפ. דר. פישל שניאורסאן, "מענטשנטום-געזעלשאפט". ווילנע, 1927, זייט 12.

16. א. גאלאמב, "געקליבענע שריפטן". "פרייהייט און קנעכטשאפט", מעקסיקע, 1947. פינפטער באנד, זייטן 254-256.

17. י. י. שווארץ, "חיים נחמן ביאליק: לידער און פאעמען". מישיגן, 1935, זייטן 94-95.

18. ציטירט פון פראפ. פישל שניאורסאן'ס ווערק "אידן און פעלקער-פסיכאלאגיע". ווארשע, 1936, זייט 111.

19. א. גארדין, "מאראל אין אידישן לעבן". ניו יארק, 1940, זייט 12.

20. משה מאנדעלמאן, "קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון". שיקאגא, 1953.

21. שמעון דובנאוו, "געשיכטע פון אידן אין אייראפע". ווילנע, 1940. באנד 3, זייט 74.

22. מייערס קאנווערסאציע-לעקסיקאן. לייפציג, 1876. באנד 7, זייט 804.

23. שמעון דובנאוו, "געשיכטע פון אידן אין אייראפע". ווילנע, 1940. באנד 3, זייט 74.

24. "די דזשואיש ענציקלאפעדיע". ניו יארק-לאנדאן, 1906. באנד 5, זייט 652.

25. "די אוניווערסאל דזשואיש ענציקלאפעדיע". ניו יארק, 1941, זייט 597.

26. פרקי אבות, פרק א', י"ד.

27. דר. הלל זיידמאן, "טאגבוך פון ווארשאווער געטא". בוענאס איירעס, 1947, זייט 77.

28. ציטירט פון ש. קאטשערגינסקי'ס בוך "חורבן ווילנע". ניו יארק, 1947, זייט 122.

29. בנימין ארענשטיין, "ווירקלעכקייט". באמבערג (דייטשלאנד), 1948, זייטן 122-123.

30. דר. הלל זיידמאן, "טאגבוך פון ווארשאווער געטא". בוענאס איירעס, 1947, זייט 46.

31. ציטירט פון ש. קאטשערגינסקי'ס בוך "חורבן ווילנע". ניו יארק, 1947, זייט 129.

32. "אין די יארן פון אידישן חורבן" (די שטים פונעם אונטערערדישן "בונד"). ניו יארק, 1948, זייט 56.

33. ישעיה ו', ג'.

34. דר. הלל זיידמאן, "טאגבוך פון ווארשאווער געטא". בוענאס איירעס, 1947, זייט 115.

35. בנימין ארענשטיין, "חורבן טשענסטאכאו". באמבערג, 1948, זייט 103.

36. "פנקס מלאווע", אונטער דער רעדאקציע פון דר. יעקב שאצקי. ניו יארק, 1950, זייטן 53 און 390.

37. בערנארד גאלדשטיין, "פינף יאר אין ווארשאווער געטא". ניו יארק, 1947, זייט 251.

38. יוסף גאר, "אומקום פון דער אידישער קאווגע". מינכן, 1948, זייטן 135-136.

39. בנימין ארענשטיין, "אונזער יארצייט". באמבערג (דייטשלאנד), זייט 1.

40. יעקב פאט, "הענט". בוענאס איירעס, 1948, זייט 95.

41. יעקב גלאטשטיין, "מיר ווילן לעבן". ניו יארק, 1949, זייטן 47.

42. בנימין ארענשטיין, "חורבן טשענסטאכאו". באמבערג, 1948, זייט 93.

43. דר. הלל זיידמאן, "טאגבוך פוןווארשאווער געטא". בועֶנאס איירעס, 1947, זייט 282.

44. יצחק קאצענעלסאן, "דאס ליד פונעם אויסגעהארגעטן פאלק". ניו יארק, 1948, זייטן 60-70.

45. דר. יוסף קערמיש, "דער אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא". בועֶנאס איירעס-ווארשע, 1948, זייטן 31-32.

46. דר. פיליפ פרידמאן, "אוישוויצענטויט". בועֶנאס איירעס, 1950, זייט 185.

47. מלך ניישטאט, "חורבן און ווידערשטאנד פון די אידן אין ווארשע". ניו יארק, 1948, זייטן 28-29.

48. מלך ניישטאט, "חורבן און ווידערשטאנד פון די אידן אין ווארשע". ניו יארק, 1948, זייטן 670-672.

49. ציטירט פון דר. יוסף קערמיש'ס בוך "דער אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא". בועֶנאס איירעס-ווארשע, 1948, זייט 10.

50. דר. יצחק שווארצבארד, "דער אייביגער זין פונעם אויפשטאנד אין דער ווארשאווער געטא". אפהאנדלונג אין "קענעדער אדלער", מאנטריאל, נומ. 90, פון 15 אפריל 1951.

51. דר. פיליפ פרידמאן, "פרשת ווארשע". אפהאנדלונג אינעם זשורנאל "צוקונפט", נומ. 4, חודש אפריל 1950.

52. "פנקס מלאווע", אונטער דער רעדאקציע פון דר. יעקב שאצקי. ניו יארק, 1950, זייט 406.

53. מקור אן א פארוויז אינעם געדרוקטן גוף: דר. מארק דווארזשעצקי, "ירושלים דליטא אין קאמף און אומקום". פאריז, 1948, זייט 302.

54. יאנאס טרוקאר, "אזוי איז עס געווען". בועֶנאס איירעס, 1948, זייט 285.

55. בערנארד גאלדשטיין, "פינף יאר אין ווארשאווער געטא". ניו יארק, 1947, זייט 258.

56. "בלעטער פאר געשיכטע", באנד 4, העפט 1, זייט 7. ווארשע, יאנואר-מערץ 1951.

57. יאנאס טרוקאר, "אזוי איז עס געווען". בועֶנאס איירעס, 1948, זייטן 49 און 134.